STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01468

PERL OYF'N BRUK

Moshe Broderzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה בראדערזאן.

פערל אויפ'ן ברוק.

אלע רעכט בעהערן דעם אויטאָר.

„פערל אויפ'ן ברוק"
פון
משה בראָדערזאָן.

צייכענונגען פון
יוסף העכט.

פארלאג „יונג-אידיש", לאדזש.
תר"פ 1920.

דיר, שיינע מרים —

צער־ליליען.

(טריאָלעטן.)

צער-ליריען.

1.

איך טראָג אויף מיין קאַרק דעם באַרג סיני פון ליבע:
און וועל איך נאָר צוויפלען — באַגראָבט מיך דער באַרג.
אין טעג און אין נעכט פון די אומעטן טריבע
איך טראָג אויף מײַן קאַרק דעם באַרג סיני פון ליבע:
און כ׳ווייס ניט פון ווייטאָק פון מײַנעם די סיבה.
און שטאַרק איז מײַן טרער — מײַן בטחון איז שטאַרק,
ווען כ׳טראָג אויף מײַן קאַרק דעם באַרג סיני פון ליבע!
און וועל איך נאָר צווייפלען — באַגראָבט מיך דער באַרג.

2.

דיין טרער זוכט אין וואנדלען—דערליידונג, א תיקון,
און פאלט דאך לסוף מיר אריין אין מיין הארץ—
א פערעלע טרייער פון אוצר אנטיקן.
דיין טרער זוכט אין וואנדלען—דערליידונג, א תיקון.
א טרייעלע פאלט אויף די דארשטיקע גליקן.
דיין טרער איז געפאסט אין דיין אויג־רינגל שווארץ.
דיין טרער זוכט אין וואנדלען — דערליידונג א תיקון,
און פאלט דאך לסוף מיר אריין אין מיין הארץ.

3.

וואס איז אויף די לוחות אויף מיינע געשריבן
געווען פון מיין יונגן נשמה־געדאנק?
וואס שטויב איז פון זיי נאר א הויפן געבליבן!
וואס איז אויף די לוחות אויף מיינע געשריבן
געווען? ניט מער — ווי נאר ליבן און ליבן!
דער שטויב איז פארטריבן. אויף אייביק? אויף לאנג?
וואס איז אויף די לוחות אויף מיינע געשריבן
געווען פון מיין יונגן נשמה־געדאנק?

4.

ס'איז שפעט שוין באנאכט. און עס רוט ניט מיין בענקען.
עס הערט זיך א שפילן פון כלי־זמר אין גאס.
א שפאס — — צי דיין הייליקייט וועל איך געדענקען?
ס'איז שפעט שוין באנאכט... און עס רוט ניט מיין בענקען;
מיט טרערן צי קען מען דעם אומעט פארשווענקען —
זיך שענקען חטאים? פארוואנדלען אין שפאס.
ס'איז שפעט שוין באנאכט. און עס רוט ניט מיין בענקען;
עס הערט זיך א שפילן פון כלי־זמר אין גאס.

5.

מיר דוכט זיך — עס גיסן זיך אויס דיר די אויגן,
ווען ווייגען דו וויינסט אויף דעם קבר פון טרוים.
פֿאַרביי איז די ליבע — אַ טויב אונדז געפֿלויגן.
מיר דוכט זיך — עס גיסן זיך אויס דיר די אויגן:
איך האָב זיך פֿאַר אימה אין דרייען געבויגן,
אַ קנויל איינגעצויגן — מיין האַרץ ווערט אַ תהום.
מיר דוכט זיך — עס גיסן זיך אויס דיר די אויגן,
ווען ווייגען דו וויינסט אויף דעם קבר פון טרוים.

6.

מיר דוכט זיך — אָט פּלאַצט ער אויף שטיקער מיין שאַרבן,
און אַלץ ט'זיך באַשפּריצן מיט מאַרך מיינעם ראָז,
אין טרויער אין ראָזן וועט אַלץ זיך באַפאַרבן.
מיר דוכט זיך — אָט פּלאַצט ער אויף שטיקער מיין שאַרבן.
און איך וועל דאָך שטאַרבן... און דו וועסט דאָך שטאַרבן.
און זיין וועט דערטרונקען פון טרויער דער כּוס.
מיר דוכט זיך — אָט פּלאַצט ער אויף שטיקער מיין שאַרבן,
און אַלץ ט'זיך באַשפּריצן מיט מאַרך מיינעם ראָז.

7.

מן המצר קראתי... און דו ביזט געקומען.
און דו ביזט אין קרוין פון דער תפילה אוועק.
דאָס האַרץ האָט אַ ציטער פון יראה פֿאַרנומען:
מן המצר קראתי... און דו ביזט געקומען,
און וואָס איז געשען? אָ, דאָס וויסן נאָר בלומען,
וואָס שטייען פֿאַרטרערטע אין האַרבסטיקע טעג.
מן המצר קראתי... און דו ביזט געקומען,
און דו ביזט אין קרוין פון דער תפילה אוועק.

.8

ווי ווייס ביזטו, קינד, אין דעם זומער פון קליידער!
ווי שניי ביזטו, קינד. און ווי שווארץ איז מיין בליק.
כ'געפין ניט אין כאאס-געדאנקען קיין סדר.
ווי ווייס ביזטו, קינד, אין דעם זומער פון קליידער!
נאר קאלט איז דער זומער: עס שענקט ניט קיין פרייד ער,
ס'איז קאלט אין דיין חדר — פארגליווערט דאס גליק,
ווי ווייס ביזטו, קינד, אין דעם זומער פון קליידער!
ווי שניי ביזטו, קינד. און ווי שווארץ איז מיין בליק.

.9

דו ביזט דאך אצינד אין דיין ווייסקייט — מיין תפלה,
וואס איך האב דערהויבן צו גאט ברוך הוא —
מיט פליגלען פון ליבע די אומעטיק שטילע,
דו ביזט דאך אצינד אין דיין ווייסקייט מיין תפלה.
מיין גורל האט אויגן פארוואלקנטע, קילע;
ער בעט מיך מחילה — ער זאגט מיר צו רו.
דו ביזט דאך אצינד אין דיין ווייסקייט — מיין תפלה,
וואס איך האב דערהויבן צו גאט ברוך הוא—

.10

וואס שלאגט עס אצינד פון דעם ראטהויז דער זייגער?
זאל שטיל איצטער ווערן — זיך אפשטעלן אלץ.
עס שלעפט זיך די צייט — א שלימזל, א פגר...
וואס שלאגט עס אצינד פון דעם ראטהויז דער זייגער?
וואס האט מיר די צייט צו פארטרויען, א שטייגער?
דער ליבע-קטיגור איצט ארעמט מיין האלדז...
וואס שלאגט עס אצינד פון דעם ראטהויז דער זייגער?
זאל שטיל איצטער ווערן — זיך אפשטעלן אלץ!

11.

איך האָב דיך אַמאָל שוין אין ערגיץ באַגעגנט:
דו האָסט מיך געצערטלט מיט רייץ פֿונ׳ם צער.
מיט שטערן, מיט שטערן האָט דענסטמאָל גערעגנט.
איך האָב דיך אַמאָל שוין אין ערגיץ באַגעגנט.
איך ווייס ניט, כ׳געדענק ניט אין וואָס פֿאַר אַ געגנט—
ס׳איז גאָט דאָרט געווען פֿון אַלעס דער האַר.
איך האָב דיך אַמאָל שוין אין ערגיץ באַגעגנט:
דו האָסט מיך געצערטלט מיט רייץ פֿונ׳ם צער.

12.

געשטערנט האָט פֿול דער פֿאַרלוירענער הימל:
מיין שטערן האָט הויך זיך באַגאָסן מיט בלוט,
ווען דו האָסט דערלאַנגט מיר אַן אייפערזוכט־בלימל—
געשטערנט האָט פֿול דער פֿאַרלוירענער הימל.
מיין טרער האָט געפּלאָטערט אין שטערן־געווימל:
קיין שטערן, קיין מזל האָט דאַן ניט גערוט.
געשטערנט האָט פֿול דער פֿאַרלוירענער הימל:
מיין שטערן האָט הויך זיך באַגאָסן מיט בלוט.

13.

מיר האָבן אין האַרציקקייט היינט זיך געוואָטן;
און איך האָב פֿאַרשפּילט, און איך ווייס דאָך ניט וואָס.
אַ קראַנץ פֿון די פּערל האָט עמיץ צעשאָטן!
מיר האָבן אין האַרציקקייט היינט זיך געוואָטן:
און פּערעלעך וויפּל, אוי, זענען צעטראָטן...
דעם שטן׳ס אַ שפּיצל געראָטן איז דאָס!
מיר האָבן אין האַרציקקייט היינט זיך געוואָטן;
און איך האָב פֿאַרשפּילט, און איך ווייס דאָך ניט וואָס.

.14

עס צאנקען אין מח געפּלעפּטע געדאנקען;
און ס'זומט מיר אין אויער א הארבסטיקע פליג:
„דאָס גליק האלט אין צאנקען! דאָס גליק האלט אין צאנקען!"
עס צאנקען אין מח געפּלעפּטע געדאנקען:
אוי, וועמען מיין אומרו האָב איך צו פאַרדאנקען?
געשאנקען פון הימל — מען נעמט זיי צוריק...
עס צאנקען אין מח געפּלעפּטע געדאנקען;
און ס'זומט מיר אין אויער א הארבסטיקע פליג.

.15

—וואָס איז דען געווען? וואָס איז דען געווען?
—א דאגה! און איצטער זאָל זיין — וואָס עס איז!
א ריחות-קאַפּריז פון די גוסס'ע בעזן...
וואָס א י ז דען געווען? וואָס איז דען געווען?
איך האָב אין א בוך אין אן אלטן געלעזן
פון אייביקן רעגן — פון סם אזוי זיס!
—וואָס א י ז דען געווען? וואָס איז דען געווען?
—א דאגה! און איצטער זאָל זיין — וואָס עס א י ז!

.16

דו האָסט זיך פאַרטראַכט, צי עס וועט אונדז געבוירן
דער טרויער דער רייפּער א טרויעריק קינד.
צי ס'גייען די קערנער פון טרויער פאַרלוירן?
דו האָסט זיך פאַרטראַכט, צי עס וועט אונדז געבוירן
אויפסניי איצט דער טרויער? צי ס'ווערן פאַרפרוירן
די קערנדלעך שוואַרצע געזייט אויף'ן ווינט.
דו האָסט זיך פאַרטראַכט, צי עס וועט אונדז געבוירן
דער טרויער דער רייפּער א טרויעריק קינד.

17.

פֿאַרלוירן אין ערגיץ פֿון גליק איז די זרע;
און ס׳ווייסט שוין דאָך קיינער — וואו גליק מען געפֿינט.
מיין קינד האָט היינט אויגעלעך עלנטע, לערע:
פֿאַרלוירן אין ערגיץ פֿון גליק איז די זרע.
און ס׳זענען די הערצער, ווי אָפּגרונטן שווערע.
אַ פּחד־כימערא איז אונטן — די זינד...
פֿאַרלוירן אין ערגיץ פֿון גליק איז די זרע;
און ס׳ווייסט שוין דאָך קיינער, וואו גליק מען געפֿינט.

18.

איך האָב זיך גלייכגילטיק געשפּיגלט אין שפּיגל:
פֿון דאָרטן אַ שונא אויף מיר האָט געקוקט.
אַ צייכן פֿון קין — אַ דייטליכער זיגל...
איך האָב זיך גלייכגילטיק געשפּיגלט אין שפּיגל.
אין אויגן — צעבראָכענע ביינער פֿון פֿליגל —
און אָדלער אַ יונגער פֿון בליצן פֿאַרצוקט.
איך האָב זיך גלייכגילטיק געשפּיגלט אין שפּיגל:
פֿון דאָרטן אַ שונא אויף מיר האָט געקוקט.

19.

און לצים עס זענען איצט כל׳ערליי שמייכלען —
איך דיינע! איך דיינע — דורך טרערן ארויס,
וואס טוען, ווי שטילקייט נאך שטורעמס זיך בלייכלען!
און לצים עס זענען איצט כל׳ערליי שמייכלען,
וואָס טאנצן אין חורבות פֿון הארציקע היכל׳ען —
עס טאנצן אום שדים׳לעך, שרעטלעך אין הויז!
און לצים עס זענען איצט כל׳ערליי שמייכלען —
איך דיינע! איך דיינע — דורך טרערן ארויס.

.20

א זון איז דערטרונקען אין שווארצקייט פון ברונען,
און כ׳קען שוין קיין שטראלן ניט שעפן צוריק.
וואס האב איך פארלוירן? וואס האב איך געפונען?
א זון איז דערטרונקען אין שווארצקייט פון ברונען,
און ס׳האט מיך דאס שפיגעכץ פון עלנט פארשפונען.
פארהאן זענען זונען נאך זיבן פון גליק...
א זון איז דערטרונקען אין שווארצקייט פון ברונען,
און כ׳קען שוין קיין שטראלן ניט שעפן צוריק.

.21

דו זעסט — ס׳איז מיין טרויער גאר הפלא ופלא:
ניטא גאר קיין צווייטן, קיין גלייכן צו אים.
אוי, גאלדענער הארבסט מיין! אוי, אומעטן געלע!
דו זעסט — ס׳איז מיין טרויער גאר הפלא ופלא —
די אויגן פון אים, ווי די אפגרונען העלע...
ס׳איז גלייכגילט—זיין זעלע, ס׳איז שווייגן — זיין שטים.
דו זעסט — ס׳איז מיין טרויער גאר הפלא ופלא:
ניטא גאר קיין צווייטן, קיין גלייכן צו אים!

.22

די נאכט האט געפינקלט מיט חשך׳ע שטראלן,
מיט שטראלן מיט שווארצע פון פינצטערן גליק.
און איך פאר מיין טרויער בין כורעים געפאלן.
די נאכט האט געפינקלט מיט חשך׳ע שטראלן;
און איך בין אין נאכט, אין דער פינצטער — פארפאלן
מיין יעלה צו שאלן פון פינצטערן זיג!
די נאכט האט געפינקלט מיט חשך׳ע שטראלן,
מיט שטראלן מיט שווארצע פון פינצטערן גליק.

23.

עס הוידען אין הימל זיך וואָלקענעס — שיפן
מיט צער־היעראָגליפן באַצייכנטע גרוי —
זיי זענען געלאָדנט מיט צער מיט דעם טיפן.
עס הוידען אין הימל זיך וואָלקענעס — שיפן.
זיי וועלן זיך שטויסן אויף טרויערן־ריפן...
און דענסטמאָל וועט אפשר אויפסניי ווערן בלוי!
עס הוידען אין הימל זיך וואָלקענעס — שיפן
מיט צער־היעראָגליפן באַצייכנטע גרוי.

24.

אין הימל, אין תכלת, אין בלויעם קימאָנאָ
אַרויס איז דער תיקון פון טרויער — אנטפלעקט.
עס איז מיין געליבטע, די טויטע לבנה —
אין הימל אין תכלת, אין בלויעם קימאָנאָ,
די זענזוכט־סכנה, די זילבערנע נאָנע.
מיך האָט איר מתנה, דער טרויער, געוועקט.
אין הימל, אין תכלת, אין בלויעם קימאָנאָ
אַרויס איז דער תיקון פון טרויער — אַנטפלעקט.

25.

איך גראָב איצט אַ קבר. פון אייזן — דער רידל.
וואָס זוך איך אין קבר? מיין טרויעריק האַרץ!
איך גראָב איצט אַ קבר, און כ'זינג מיר אַ לידל.
איך גראָב איצט אַ קבר. פון אייזן — דער רידל.
מיך זידלט אַ קברן, אַ שפּיציקער יידל,
וואָס האַלט איצט ס'משוגענע פידל — מיין האַרץ...
איך גראָב איצט אַ קבר. פון אייזן דער רידל.
וואָס זוך איך אין קבר? מיין טרויעריק האַרץ!

26.

עס האָט זיך דער לאַנגווייל צעשפּילט און צעזונגען
אויף טרויערנטער פֿידלען פֿון לאַנג ניט געשטימט.
אין טרויערן־גלעקער האָט עמיץ געקלונגען!
עס האָט זיך דער לאַנגווייל צעשפּילט און צעזונגען,
און רונגען פֿון קייטן עס האָבן געקלונגען —
די שיינקייט האָט עמיץ געלונגען פֿאַרקרימט.
עס האָט זיך דער לאַנגווייל צעשפּילט און צעזונגען
אויף טרויערטער פֿידלען פֿון לאַנג ניט געשטימט.

27.

אַ קויל איז געוואָרפֿן פֿון זילבער פֿון ריינעם
אין לופֿטן — אַ פּריכטיקער ווייפּנבלאָז־קויל.
עס גאַנצן אין זילבער־לבנות די זקנים —
אַ קויל איז געוואָרפֿן פֿון זילבער פֿון ריינעם,
אוי, זקנים, אין קאַרעראָד נעמט מיך — נאָך איינעם:
מיר זענען שוין שכנים אין פֿאַרגעפּיל־גרויל.
אַ קויל איז געוואָרפֿן פֿון זילבער פֿון ריינעם
אין לופֿטן — אַ פּרעכטיקער ווייפּנבלאָז־קויל!

28.

האַ—האַ, ווי דער ווינט האָט די האָר מיר צעבלאָזן!
און ס'רייסט מיר די לאָקן די עלנטע נאַכט — —
אין פֿאַרבלויזן חלום עס שלאָפֿן די גראָזן.
האַ—האַ, ווי דער ווינט האָט די האָר מיר צעבלאָזן!
אַ פֿלעדערמויז האָט זיך צו פֿליען געלאָזן —
אין האָר זיך פֿאַרפּלאָנטערט, מיט אויגן פֿאַרמאַכט...
האַ—האַ, ווי דער ווינט האָט די האָר מיר צעבלאָזן!
און ס'רייסט מיר די לאָקן די עלנטע נאַכט.

.29

דער אומעט שפּאַצירט אין די חשך'ע גאַסן,
און זוכט זיך אַ זיווג אין הינקענדיק גיין.
ער איילט ניט. ער שמייכלט פאַראומערט, געלאַסן.
דער אומעט שפּאַצירט אין די חשך'ע גאַסן.
און ס'גרימפּלען די ווינטן אויף פיל קאָנטראַבאַסן.
אַ כעסן — אַ טייוול צעקייכט אין געוויין.
דער אומעט שפּאַצירט אין די חשך'ע גאַסן,
און זוכט זיך אַ זיווג אין הינקענדיג גיין...

.30

עס שטעכט, ווי מיט דערנער דיין אומעטיק טראַכטן.
עס בריט, ווי מיט גיהנום דיין צנועה'דיק שויס.
ס'איז ביטער, ווי גאַל — אין די שטילע פראַנאַכטן.
עס שטעכט, ווי מיט דערנער דיין אומעטיק טראַכטן.
די אויגן, ווי קברים, ווי פינצטערע שאַכטן —
וואו ט'שמאַכט אַ פאַרלוירענע איינזאַמע רויז.
עס שטעכט, ווי מיט דערנער דיין אומעטיק טראַכטן.
עס בריט, ווי מיט גיהנום דיין צנועה'דיק שויס.

.31

און אשמדאי לאַכט מיט די אויגן פון טומאה,
און אַשמדאַי לאַכט מיט די אויגן פון גאַל.
באַטראָטענע וועגן — פון לאַנג זענען קרומע.
און אַשמדאַי לאַכט מיט די אויגן פון טומאה:
וואו זענען די בליקן די כשר'ע פרומע?
איך האָב ניט געריר'נט קיין איינציקן שטראַל...
און אשמדאי לאַכט מיט די אויגן פון טומאה,
און אַשמדאַי לאַכט מיט די אויגן פון גאַל.

.32

אַ, לאָז דיין נשמה אין בענקשאַפטן הויכן!
אַ, לאָז דיין נשמה אין זון־בלוט פאַרגיין!
און שטום זאָלן בליען די טרויערן־שטרויכן:
אַ, לאָז דיין נשמה אין בענקשאַפטן הויכן —
אַ תּוכן געפינען אין גוסס'ע רויכן,
אין נעפּל די טובל'ען, און — וואָלקענען ריין!
אַ, לאָז דיין נשמה אין בענקשאַפטן הויכן!
אַ, לאָז דיין נשמה אין זון־בלוט פאַרגיין!

.33

עס זינגען אַ ודוי די מלכות — די שוראַנען.
ווי שטיל און ווי טרויעריק איז ער, דער שיר!
צו דיר אַ בקשה פון מיר איז פאַרהאַנען:
עס זינגען אַ ודוי די מלכות — די שוראַנען...
אַ, לאָז מיר אין ודוי דעם טרויער צו שפּאַנען —
פון דאַנען בנשיקה צו פליגלען מיט דיר!
עס זינגען אַ ודוי די מלכות — די שוראַנען.
ווי שטיל און ווי טרויעריק איז ער, דער שיר!

.34

עס קלינגען אַ קלאָגליד די גלעקלעך פון רויזן;
זיי קלינגען און פאַלן אין שמאַכטעניש אָפּ.
אַ ים פון מיין טרויער וויל איצט זיך צעברויזן.
עס קלינגען אַ קלאָגליד די גלעקלעך פון רויזן.
פאַר ריחות, אַ, האַרץ מיינס, וועל איך דיך אַנטבלויזן,
און שענקען די ווינטן מיין פלאַקערדיק קאָפּ.
עס קלינגען אַ קלאָגליד די גלעקלעך פון רויזן;
זיי קלינגען און פאַלן אין שמאַכטעניש אָפּ...

35.

א שרפה! דער הימל איצט האלט אינ'ם ברענען!
און איך בין געשליידערט אין זונאונטערגאנג!
אָ, ווער וועט דעם בראנד איצט פארלעשן מיר קענען?
א שרפה! דער הימל איצט האלט אינ'ם ברענען!
די כּוחות די לעצטע פון ביזקשאפט, וואו זענען,
צו מילדן דעם פייער מיט יחוד־געזאנג?
א שרפה! דער הימל איצט האלט אינ'ם ברענען...
און איך בין געשליידערט אין זונאונטערגאנג!

36.

פארלעשט זיך אין ווייטקייט — פארוואָגלטע שטערן!
פארלעשט זיך אין עולה לגדולה'דיק ווינט!
איך קען אייער פליסטער אצינדערט ניט הערן!
פארלעשט זיך אין ווייטקייט — פארוואָגלטע שטערן!
פארלעשט זיך, ווי אלע יתומים־באגערן!
פארלעשט זיך, ווי איך — אין מיין איינזאמקייט בלינד!
פארלעשט זיך אין ווייטקייט — פארוואָגלטע שטערן —
פארלעשט זיך אין עולה לגדולה'דיק ווינט!

37.

מיין איינזאמקייט האב איך געטוליעט צום הארצן:
געמיינט האב איך זיכער, אז דו ביזט ער, דו!
וואו ביזטו מיין קרוין אינ'ם קרעפ אין דעם שווארצן?
מיין איינזאמקייט האב איך געטוליעט צום הארצן...
איך האב אן די ביינער, פון קברים וואס שטארצן,
געלענט זיך, געהערט דאס בית חיים'דיק רו — —
מיין איינזאמקייט האב איך געטוליעט צום הארצן:
געמיינט האב איך זיכער, אז דו ביזט עס — דו.

.38

איך האָב זיך געטובל'ט אין ירדן פון ליידן;
געהייליקט אין טרויער — צו פריידן ארויס.
„די האָר דיינע זענען צעשפּונענע זיידן"...
איך האָב זיך געטובל'ט אין ירדן פון ליידן.
און איך וועל דעם לייכטזין פון הימלען איצט מיידן,
ווייל גרויס איז מיין טרויער. ווי אימה'דיק גרויס!
איך האָב זיך געטובל'ט אין ירדן פון ליידן;
געהייליקט אין טרויער — צו פריידן ארויס!

.39

עס איז מיין אמונה — פון טרויער דער מבול.
איך רוף צו מיין גלויבן דעם דורכזיכט פון מענטש.
מיין וועג איצט צו ווייזן בין גרייט איך, קאַפּאַבל:
עס איז מיין אמונה — פון טרויער דער מבול...
זאָל זיין, דער ניט־גוטער איז איצטער מטבל,
זאָל'ס זיין — אַ מחבל! זיין טרויער — איך בענטש.
עס איז מיין אמונה — פון טרויער דער מבול.
איך רוף צו מיין גלויבן דעם דורכזיכט פון מענטש.

.40

— העי, הענדלער און וואַנדלער! העי, קויפער פאַרקויפער!
איך רוף איצט, וואו ס'האָט נאָר דער חלל אַ ברעג.
איך רוף מיט מיין שווייגן, איך רוף בקול שופר:
העי, הענדלער און וואַנדלער! העי, קויפער, פאַרקויפער!
צי האָט איר געזען ווען דאָס וואונדערלאַנד אופיר?
איך בוי אַ בית מקדש פאַר חרוב'ע טעג...
— העי, הענדלער און וואַנדלער! העי, קויפער, פאַרקויפער!
איך רוף איצט, וואו ס'האָט נאָר דער חלל אַ ברעג.

41.

דער תּכלת פֿון הימל צעפּלאַצט איז אויף שפּליטער —
צעריסן פֿון גאָט איז דאָס סאַמעטן־קלייד!
און ביטער, פֿאַרצווייפֿלט פֿון האַרבסט איז דער ציטער.
דער תּכלת פֿון הימל צעפּלאַצט איז אויף שפּליטער.
און ס'זוכט אין'ם שפּליטער זיין נאָמען א ריטער —
פֿאַרוויִיט און פֿאַרשניִיט — אין די מענטשליכע רייד.
דער תּכלת פֿון הימל צעפּלאַצט איז אויף שפּליטער —
צעריסן פֿון גאָט איז דאָס סאַמעטן־קלייד.

42.

אַ מת איז אין דרויסן געגאַנגען שפּאַצירן — —
און מיך האָט אַ פֿריינט נאָך פֿון פֿריידן געקענט:
מיר האָבן גערעדט פֿון דעם אויגן־פֿאַרב אירן...
„אַ מת איז אין דרויסן געגאַנגען שפּאַצירן".
צוריק האָט דער זון זיך געגלוסט צו פֿאַרפֿירן
דעם מת — מיט דער קדושה פֿון שטראַלן צעברענט.
אַ מת איז אין דרויסן געגאַנגען שפּאַצירן — —
און מיך האָט אַ פֿריינט נאָך פֿון פֿריידן געקענט.

43.

דעם אָנהויב פֿון טאָגן צעקרייען די הענער.
עס שרייט צו דער זון אַ פֿאַרשלאָפֿענע קראָ.
דער שימער פֿון אומעט איז טיפֿער און שענער.
דעם אָנהויב פֿון טאָגן צעקרייען די הענער.
דער אָפּגאָט פֿון נאַכט איז צעשפּאָלטן אויף שפּענער.
מיין טאָג איז מיט טענער פֿון גרויקייט שוין דאָ!
דעם אָנהויב פֿון טאָגן צעקרייען די הענער.
עס שרייט צו דער זון אַ פֿאַרשלאָפֿענע קראָ.

.44

פרימאָרגנס — ווי אומעטיק זענען די בלומען —
אראָפּגעלאָזט זענען ביי בלומען די קעפּ!
איך האָב זיי איצט גלעטן, און צערטלען גענומען.
פרימאָרגנס — ווי אומטעיק זענען די בלומען.
זיי שמעקן ניט איצטער: זיי שווייגן, זיי שטומען.
זיי וועלקן פאַר׳אָבל׳ט אין ערדענע טעפּ...
פרימאָרגנס — ווי אומעטיק זענען די בלומען —
אראָפּגעלאָזט זענען ביי בלומען די קעפּ.

.45

אויף די ביזט פון טרויער־געזאַנגען געפאַנגען –
געגאַנגען אראָפּ פון די מירמלנע טרעפּ.
אין הויפן — דער אש פון די נסים־פאַרלאַנגען.
אויף די ביזט פון טרויער־געזאַנגען געפאַנגען
געגאַנגען, צוריק ניט געקענט שוין דערלאַנגען.
דיין גוף האָט געוואַרעמט דער שלייער פון קרעפּ.
אויף די ביזט פון טרויער־געזאַנגען געפאַנגען —
געגאַנגען אראָפּ פון די מירמלנע טרעפּ.

.46

איך וויל זיך אין צער פון די ליליען פאַרוויגן,
און ריח נחוח׳דיג בלייך־שטילן צער.
ס׳איז דא אינ׳ם צער א פאַרהילט פאַרגעניגן!
איך וויל זיך אין צער פון די ליליען פאַרוויגן,
און איינהילן זיך אין דעם אייגענעם ניגון,
און ליגן אין ליליען פאַר׳כשופ׳ט און שטאַר.
איך וויל זיך אין צער פון די ליליען פאַרהיגן.
און ריח נחוח׳דיג בלייך־שטילן צער.

47.

צום גרעניץ פון טרויער עס רייט איצט א רייטער —
דער מלאך המות... און בלאס איז זיין פערד.
זיין וועג איז א שווערער, זיין וועג איז א ווייטער —
צום גרעניץ פון טרויער עס רייט איצט א רייטער.
בתשובה מיין שטילע נשמה איך לייטער:
און לייטערער ווערט פון מיין טרויער די ערד.
צום גרעניץ פון טרויער עס רייט איצט א רייטער —
דער מלאך המות... און בלאס איז זיין פערד.

48.

וואס ציטערט די ערד פון די טריט פון מיין שאטן?
וואס איילט ער, מיין שאטן אוועקבלייכן גיך?
איך וואנדער אין פינצטערע, ווענלויזע גראטן —
וואס ציטערט די ערד פון די טריט פון מיין שאטן?
אין פלאקערן־ארעמס פון מונטערן שטן
דערציטער איך גופא! וואו איילן זאל איך?
וואס ציטערט די ערד פון די טריט פון מיין שאטן?
וואס איילט ער, מיין שאטן אוועקבלייכן גיך?

49.

מיט העלישן פייער איך זוך, און איך וואנדער.
איך וואנדער, און זוך — און איך גוסס און צאנק.
און ס'פלאקערט מיין וועלט דאך מיט אלץ־און־אן אנדער...
מיט העלישן פייער איך זוך און איך וואנדער:
און גאנץ איז מיין הארץ, ווי א פלאם־סאלאמאנדער —
און ס'קנוילט אין די רויכן מיין פייער־געדאנק.
מיט העלישן פייער איך זוך, און איך וואנדער.
איך וואנדער און זוך — און איך גוסס און צאנק.

50.

פֿאַרלוירן בין איך אין מיין טרויער געוואָרן,
און הילפֿלויז, פֿאַרלוירן איז איצט מיין געזיכט.
אין טרויער אין טיפֿן, אין אָפּגרונט אין קלאָרן
פֿאַרלוירן בין איך אין מיין טרויער געוואָרן.
איך האַלט אין מיין אָרעם אַ ברענענדן דאָרן,
און כ'זוך זיך אליין מיט זיין היילִיקן ליכט.
פֿאַרלוירן בין איך אין מיין טרויער געוואָרן,
און הילפֿלויז, פֿאַרלוירן איז איצט מיין געזיכט.

51.

איך זאָלב איצט דיין קאָפּ מיט פֿאַרפּערלטע טרערן,
מיט טרערן מיט מיינע — דיין קאָפּ איך באַציר.
כ'באַריר דיין נשמה: איר שיר וויל איך הערן...
איך זאָלב איצט דיין קאָפּ מיט פֿאַרפּערלטע טרערן:
דו ווערסט איצט געהייליקט פֿון מיינע באַגערן,
דו ווערסט איצט אַ מלכּה — אַ שוועסטער צו מיר.
איך זאָלב איצט דיין קאָפּ מיט פֿאַרפּערלטע טרערן,
מיט טרערן מיט מיינע — דיין קאָפּ איך באַציר.

52.

עס האָגלט מיט פֿרעמדע גלייכגילטיקע בליקן:
און ס'פֿאַלן די היכל'ען פֿון זענוֹוכט — צעשטערט.
ווער שפּאַסט עס פֿון עלנטע טרויערן-גליקן?
עס האָגלט מיט פֿרעמדע גלייכגילטיקע בליקן.
נאָך רחמים אַ תּפֿלה צו זיי וויל איך שיקן —
און ס'פֿאַלט גלייך מיין תּפֿלה דערשלאָגן צו דר'ערד.
עס האָגלט מיט פֿרעמדע גלייכגילטיקע בליקן:
און ס'פֿאַלן די היכל'ען פֿון זענוֹוכט — צעשטערט.

.53

פארזיגלט זשע—הערצער! פארמאכט—טיר און טויער!
איך גיי מיט מיין טרויער געארעמט ארום.
אהא, זיך דערשראקן פאר טריט פונ׳ם טרויער?!
פארזיגלט זשע—הערצער! פארמאכט—טיר און טויער!
עס האט זיך אנטבלויזט איצט דער הימל דער בלויער;
ער האט מיר געווארפן א פערלדיק בלום...
פארזיגלט זשע—הערצער! פארמאכט—טיר און טויער!
איך גיי מיט מיין טרויער געארעמט ארום.

.54

איך רויכער דעם קטרת! איך גיי און איך רויכער —
דעם פייער פון הארצן אויף רויך איך פארשווענד.
איך ווער אין דעם ים פון מיין עצבות א טויכער.
איך רויכער דעם קטרת! איך גיי און איך רויכער,
און ס׳שלענגלט דער רויך זיך ביז גאטהייט א הויכער,
און ס׳שטרעקן צום רויך זיך די בלייכנדע הענט.
איך רויכער דעם קטרת! איך גיי און איך רויכער —
דעם פייער פון הארצן אויף רויך איך פארשווענד.

.55

איך טראג איצט דעם קטרת אין גאלדענעם בעקן,
דעם קטרת פון בענקען — א קרבן פאר גליק.
א, זאל אונדז דער ריח נחוח דערוועקן.
איך טראג איצט דעם קטרת אין גאלדענעם בעקן,
די טרערן — זיי ווילן די אויגן פארדעקן...
„וואס טראגט עס דער רויך אין זיין פליגלדיק וויג״?
איך טראג איצט דעם קטרת אין גאלדענעם בעקן,
דעם קטרת פון בענקען — א קרבן פאר גליק.

.56

מיר ליגט אין די אויגן אַ מענטש איצט דערטרונקען;
אין פינצטערע אויגן — אַ הייליקער מת.
ער איז אין נשמה אַראָפּ מיר געזונקען —
מיר ליגט אין די אויגן אַ מענטש איצט דערטרונקען;
און ס'שפּריצן פון אויגן מיר זאַרגלייזע פונקען,
ווען איך אין מיין יאוש און עלנט פאַרגעס.
מיר ליגט אין די אויגן אַ מענטש איצט דערטרונקען;
אין פינצטערע אויגן — אַ הייליקער מת.

.57

אַ שטילע לויה — — אַ לאַנגע לויה — —
און ס'איילן די מענטשן פאַרביי אזוי גיך.
די בליקן — וואָרזל־היימליכע, לוסטיקע, פרייע — —
אַ שטילע לויה — — אַ לאַנגע לויה — —
דער הימל האָט איצטער אַ גלייכגילט־העזיה;
דער מת, דער מלוה, די ביידע בין איך.
אַ שטילע לויה — אַ לאַנגע לויה — —
און ס'איילען די מענטשן פאַרביי אזוי גיך.

.58

ס'איז עמיץ געבוירן, צי נפטר געוואָרן?
צי ס'פעלן איצט שטערן? צי מער זענען דאָ?
צי טראָגט מען אַ חופּה? צי טראָגט מען אַן ארון?
ס'איז עמיץ געבוירן, צי נפטר געוואָרן?
ס'איז עפּיס ניט גלאַט אינ'ם הימל אין קלאָרן!
און אייסטערליש איצטער איז אומקלאָר מיין שעה.
ס'איז עמיץ געבוירן, צי נפטר געוואָרן?
צי ס'פעלן איצט שטערן? צי מער זענען דאָ?

.59

דו האָסט אין דיין טרויער די האָר דיר צעפלאָכטן:
און ס׳ריזלט אין רוען אַ גאָלדענער ים.
— מיר האָט זיך דער עלנט פון לאנג שוין געדאָכטן...
דו האָסט אין דיין טרויער די האָר דיר צעפלאָכטן.
און כ׳האָב אויף דיין הארץ דעם מזבח — געשאָכטן
אַן אומשולדיק קרבן — מיין ווילן — אַ לאַם.
דו האָסט אין דיין טרויער די האָר דיר צעפלאָכטן:
און ס׳ריזלט אין רוען אַ גאָלדענער ים.

.60

דער הימל געגליכן — אַן עצבות־מגילה
איז איצטער צעוויקלט... מיט שטערן באַצירט.
און ס׳זענען די שטערן בסתר׳דיק שטילע.
דער הימל געגליכן — אַן עצבות־מגילה.
און איך, אין מיין קיטל געהילט — אין מיין תפילה,
איך זוך און איך נישטער, פון שטערן פארפירט...
דער הימל געגליכן — אַן עצבות־מגילה
איז איצטער צעוויקלט, מיט שטערן באַצירט.

.61

איך גוסס בסתר. איך שטאַרב אָפּ בסתר.
באַהאַלטן בין איך אין מיין איינזאַמען טרוים.
דאָס בלוט ברויזט אין הארצן אַלץ שטאַרקער און הייסער.
איך גוסס בסתר. איך שטאַרב אָפּ בסתר.
אָ, ער נאַר, דער אומעט מיין עלנט זיין ווייס ער,
נאָר ער האָט געמאָסטן דעם פינצטערן תהום!
איך גוסס בסתר. איך שטאַרב אָפּ בסתר.
באַהאַלטן בין איך אין מיין איינזאַמען טרוים.

.62

ווער האָט הײנט די װינטן געלאָזט פון די צוימען?
ווער האָט צו מײן אומרו אַ שפּאַרבער געשיקט?
עס שטורימען דערשראָקן די רויכן פון טרוימען...
ווער האָט הײנט די װינטן געלאָזט פון די צוימען?
צעבלאָזט ניט, אָ, װינטן, פון חלום די זוימען!
זײ מוזן נאָך אױפגײן, אין רויכן פאַרוויגט...
ווער האָט הײנט די װינטן געלאָזט פון די צוימען?
ווער האָט צו מײן אומרו אַ שפּאַרבער געשיקט?

.63

עס האָבן פאַרפּאָלגט מיך לבנה'קע שטראַלן,
און מיך אין אַ נעץ פון דעם טרויער געכאַפּט.
און איך בין פאַרפּלאָנטערט אין זילבערנע קוואַלן.
עס האָבן פאַרפאָלגט מיך לבנה'קע שטראַלן;
און איך אויף מײן פּנים בין הילפלויז געפאַלן,
איך האָב אין דער טיר פון זכרונות געקלאַפּט...
עס האָבן פאַרפאָלגט מיך לבנה'קע שטראַלן,
און מיך אין אַ נעץ פון דעם טרויער געכאַפּט.

.64

אויף איך האב אַ נעץ צו דעם הימל דעם װײטן
פאַרוואָרפן — אַ נעץ פון דעם שטילסטן געזאַנג:
„וואס קען עס דער צער פון דער שקיעה באַדײטן?"
אויף איך האָב אַ נעץ צו דעם הימל, צום װײטן
פאַרוואָרפן — פאַרמאָסטן אויף אַלע פיר זײטן!
אַ שטערנדל טויט איז געוועזן מײן פאַנג...
אויף איך האָב אַ נעץ צו דעם הימל, צום װײטן
פאַרוואָרפן — אַ נעץ פון דעם שטילסטן געזאַנג.

65.

עס ציטערן ברעמען באַפּערלטע, נאַסע,
עס ציטערן טרערן דיר הײַנט אָן אַ צאָל.
און ס'זענען די לעפּצן דיר אומעטיק בלאַסע,
עס ציטערן ברעמען באַפּערלטע, נאַסע.
איך נעם איצט אויף זיך פֿון די טרערן די משא —
און זיי וועל איך טראָגן פֿאַר דיר אין מײַן קול.
עס ציטערן ברעמען באַפּערלטע, נאַסע.
עס ציטערן טרערן דיר הײַנט אָן אַ צאָל.

66.

עס האָט זיך דאָס האַרץ אויף דעם הפקר צעשריגן;
די בענקשאַפֿט געענטפֿערט מיט שווײַגן האָט שטום.
און אַלץ האָט פֿאַר'עקשנ'ט מיט אומעט געשוויגן.
עס האָט זיך דאָס האַרץ אויף דעם הפקר צעשריגן.
דערנאָך האָב איך ס'האַרץ אויף דעם ברוק אויסגעשפּיגן.
און יעדער בעל מום האָט געמיטן עס פֿרום.
עס האָט זיך דאָס האַרץ אויף דעם הפקר צעשריגן;
די בענקשאַפֿט געענטפֿערט מיט שווײַגן האָט שטום.

67.

עס האָט זיך דער אומעט צו פֿרייען געשוואוירן —
אַ שבועה געגעבן מיט האַנט אויפ'ן האַרץ...
אַן אומעטיק פֿרייד איז געוואָרן געבוירן,
עס האָט זיך דער אומעט צו פֿרייען געשוואוירן.
דער עיקר — די זון איז געגאַנגען פֿאַרלוירן:
די טעג, ווי די נעכט — אין די שלייערן שוואַרץ.
עס האָט זיך דער אומעט צו פֿרייען געשוואוירן —
אַ שבועה געגעבן מיט האַנט אויפ'ן האַרץ.

68.

אין ראַם אײַנ'ם שוואַרצן דער טאָג איז געקומען.
און גאָלד האָט געשפּריצט פֿון דער זאַרגלויזער זון,
די זון האָט מיט ערנסט דעם טרויער פֿאַרנומען —
אין ראַם אײַנ'ם שוואַרצן דער טאָג איז געקומען.
די זון האָט מיט מאַמע-פֿרייד מיך אומגענומען.
און איך האָב געצווייפֿלט — איר פּריסטער, איר זון.
אין ראַם אײַנ'ם שוואַרצן דער טאָג איז געקומען.
און גאָלד האָט געשפּריצט פֿון דער זאַרגלויער זון.

69.

און איין מאָל האָט בלוט בײַן השמשות גערונען
פֿון זון אויף דער ערד. און אין פֿלאַמען גע'ים'ט.
כ'האָב דענסטמאָל דעם פֿאָדעם פֿון יאוש געשפּונען.
און איין מאָל האָט בלוט בײַן השמשות גערונען:
איך האָב דאָן דעם אורקוואַל פֿון טרויער געפֿונען —
א ליליע, וואָס וואַקסט אין מדבריות, איך זאַמד...
און איין מאָל האָט בלוט בײַן השמשות גערונען
פֿון זון אויף דער ערד, און אין פֿלאַמען גע'ים'ט.

70.

איך האָב זיך אַ נדר געגעבן צו לעבן..
און תמיד צו מיר האָט געשמייכלט דער טויט.
אַזוי הינטערווײַלעכטס, אַזוי זיך דערנעבן,
איך האָב זיך אַ נדר געגעבן צו לעבן —
מתחייב געווען זיך פֿאַר ס'לעבן, דעם רבי'ן...
גלײַכגילטיק — צו דאגות, צום צער און צו נויט!
איך האָב זיך אַ נדר געגעבן צו לעבן...
און תמיד צו מיר האָט געשמייכלט דער טויט!

.71

אוי, וויפיל נשמות באַצויגן מיט אייטער,
מיט ווילדפלייש באַוואַקסן — פאַרשמאַכטן אין וועג!
און ס׳רייסן נשמות זיך ווייטער און ווייטער —
אוי, וויפיל נשמות באַצויגן מיט אייטער
מיט שרעק איך דערנענטער, מיט שרעק איך דערווייטער.
און מיינע איך לייטער אין פינצטערע טעג.
אוי, וויפיל נשמות באַצויגן מיט אייטער,
מיט ווילדפלייש באַוואַקסן — פאַרשמאַכטן אין וועג!

.72

דער הימל פאַר׳אבל׳ט האָט קריעה געריסן.
צעפליקט האָט א שנור זיך — אַ פלוצלינגער בליץ.
צעשאטן די פערל — די שפליטער געוויסן.
דער הימל פאַר׳אבל׳ט האט קריעה געריסן.
און איך האָב פאַר ווייטאָג די פינגער געביסען,
ניט ווילנדיק וועמען מיט צער איך באַשיץ.
דער הימל פאַר׳אבל׳ט האט קריעה געריסן.
צעפליקט האט א שנור זיך — אַ פלוצלינגער בליץ.

.73

די ליליען פון צער מיינעם ווייסע און צאַרטע —
זיי וואַקסן אויף שטענגעלעך ציטערדיק, לאַנג
אין פינצטערן ווייטאָק פון אומעט פאַרשפּאַרטע —
די ליליען פון צער מיינעם ווייסע און צאַרטע.
זיי בליען און לויכטן און וועלקן פאַרדאַרטע — —
און פיל פאַלן אָפּ פאַר דעם תיקון־געזאַנג...
די ליליען פון צער מיינעם ווייסע און צאַרטע —
זיי וואַקסן אויף שטענגעלעך ציטערדיק, לאַנג.

74.

די ליליען פון צער — פונ׳ם צער פון מיין יוגנט —
עס ווארפן די ווינטן זיי אום אן א זין.
זיי בויגן זיך ווייסע, זיי ברעכן זיך בוקנד —
די ליליען פון צער — פונ׳ם צער פון מיין יוגנט,
וואס האבן מיט טרערן־טוי אפט זיך באגנוגנט
אין ווינטערן ווייסע, אין פרילינגן גרין.
די ליליען פון צער — פונ׳ם צער פון מיין יוגנט —
עס ווארפן די ווינטן זיי אום אן א זין.

75.

אצינד — ווייטער, ווייטער! אויף יענער זייט איילן
מיר איילן פון וועלטן פון יאוש — צעשטערט.
אריבער דער ערד ווייט, מיט טויזנטער מיילן!
אצינד — ווייטער, ווייטער! אויף יענער זייט איילן — —
צעשמעטערן לאמיר פון ספקות די זיילן — —
איין ליליע — א זכר פון צער פון דער ערד — —
אצינד ווייטער, ווייטער! אויף יענער זייט איילן
מיר איילן פון וועלטן — פון יאוש צעשטערט — —

הבל הבלים.

הבל הבלים.

א.

עס איז געווען אַ גאָלד־צעפּלאָסענער — אַ האַרבסטיקער פֿאַרנאַכט;
פֿון מערב־הימל האָט די זון געגאָסן אוצרות שטראַלן־ווײַן.
און אַלץ געווען איז איצטער מײַן און דײַן!
און אַלץ אין אונדז האָט גאָלדנדיק געלאַכט.
איך האָב פֿאַר ס׳גרויסע שיר השירים־גליק די אויגן זיך פֿאַרמאַכט:
צו שײַן איז גאָט געווען, צו בלענדנדיק זײַן שײַן — — —
און כ׳האָב אַ קול דערהערט פֿאַרטראַכט,
און כ׳האָב דערהערט אַ נאָענטן קול, ווי דורכ׳ן חלום:
— ס׳איז אײטל, נאַרישקייטן אַלץ: עס איז הבל הבלים!
און — — כ׳האָב זיך צו דער זון צעלאַכט.
און קלאָר איז מײַן געלעכטער הויך געווען, און קלאָר —
און הויך האָב איך דעם קול געענטפֿערט: — ס׳איז נישט וואָר!

ב.

עס האָבן בלימער אָנגעטאָן די אויירינגלעך פון רויטן גאָלד.
ווי ס'וואָלט אַ גרויסער יו"ט אין דעם יונגן האַרבסט געשען:
איך האָב דיר אין דיין שיינקייט גרויס דערזען,
און כ'האָב די עצבות'דיקע זון פון האַרבסט געקריגן האָלט.
איך האָב דיך ליב געקריגן מיט מיין בענקען גרויס.
מיין קאָפּ האָט שטיל גערוט פון זון פאַרוויגט —
פאַרוויגט מיך אין דעם שטראַלן-שויס.
מיך האָט דאָס גליק אין סודות-וויג באַגליקט —
און ס'איז די העלסטע פרייד מיין גאַנצן וועזן מיר אַדורך,
אַרומגענומען מיט אַ קלינגענדיקן קוש מיין האַלדז — — —
און דורך די בלעטער פון דעם האַרבסט האָב איך דערהערט אַ שורך:
— ס'איז אַלץ הבל הבלים! אייטל נאַרישקייטן — אַלץ!

ג.

אין אוצרות פון די שטערן און די זונען,
אין אוצרות פון אומענדליכקייט — אין טיפסטן, טיפסטן ברונען —
געפונען איז מיין שטערן-טרוים געווען!
מיין מזל'דיקן שטערן האָב איך אין דעם ערב רב דערזען:
און כ'האָב פון אים מיין שכר פאַרלאַנגט — דאָס גליק — זיך פאָדערן פאַרגונען.
און ער, ער האָט אַ פלאַקער אויף געטאָן, אַ בליצן-ברען,
אַ ריס געטאָן זיך פון פאַרשפינעכעם פון הימל שוואַרץ,
און גלייך אַריינגעפאַלן אין דאָס זודיק בלוט פון האַרץ:
איך בין דער גליקליכסטער פון אַלע וועלטן איצט געוואָרן,
און ס'האָט פאַר פרייד געשטערנט אין מיין אויג אַ טרער — — —
און סהאָבן שטערן מיר געוואונקען מיט אַ רמז מיט אַ קלאָרן:
— ס'איז אַלץ הבל הבלים! אייטל, נאַרישקייט — ניט מער!

ד.

איך האָב מײַן טאָג באַגעגנט מיט געזאָנגען שטילע,
איך האָב מיט די געזאַנגען אויך באַגעגנט שטיל מײַן יעדע נאַכט.
און ס'האָט מײַן גליק — מײַן טאָג און נאַכט באַוואַכט!
און ס'איז מײַן גליק געווען אַ הייליק תּפֿלה...
אַפֿילו יעדער וואָלקן האָט צו מיר אַראָפּגעשטראַלט,
אַפֿילו יעדע כמאַרע איז געווען מיט בליצן־גאָלד באַזוימט!
געבליט האָט תּמיד יעדער פֿעלד און וואַלד!
און יעדעס וועזן האָט זײַן גרויסן טרוים געטרוימט!
מיט דעם גן עדן אויף דער ערד בין איך געווען באַוואָרנט.
די תּפֿלה האָט אין האַרץ בײַ מיר געהאַט איר נעסט — —
און ס'האָט אין שטורעמען אַ דונער זיך דערצאָרנט:
— הבל הבלים — אַלץ! ס'איז אײַטל, נאַרישקייטן, זעסט? —

ה.

— אָ איך בין יונג! האָט יעדער פֿונק פֿון גליק אין מיר געזונגען.
— אָ איך בין יונג! האָט יעדער שטראַל אין מיר געלאַכט.
— ס'איז יונג איצט אַלץ! האָב איך פֿאַר זיך דעם פּשט געדרונגען:
ס'איז יונג די וועלט! ס'איז אייביק יונג איר מאַכט!...
איך האָב געבליט אין יעדן בלאַט אין יעדן בלימל!
איך האָב געבליט אין טריקענישן און אין זילבער־טוי!
איך האָב אויף דר'ערד געבליט — אין טיפֿן בלויעם הימל —
אין יעדן נײַגעריקן בליק פֿון דער פֿאַרליבטער פֿרוי...
אַזוי איז עס געווען, פֿרײַנד, אַזוי איז עס געווען:
נאָר מיר צוליב האָט גאָט און וועלט און זון געשײַנט — — —
און הײַנט האָב איך פֿון אויגן אָפּענע אַרויסגעלעזן:
— ס'איז אַלץ הבל הבלים! אײַטל, נאַרישקייטן, פֿרײַנד!

ו.

אָ, איך בין יונג געווען, און אין אַלץ געגלויבט!
געגלויבט אין גלויביקן, אין דעם — ניט=גלויביקן אפילו...
און ס'האָט אַ גאָלדן שטויב פון זון געזיילט זיך און געשטויבט.
און אַלע שמייכלען זענען מיר געווען אַזעלכע שטילע, שטילע,
פון אַלע שמייכלען האָט געבלאַנקט בטחון און אמונה טיף,
פון אַלע בליקן האָט געקוקט אויף מיר די צאַרטע שכינה...
עס האָט געשווימט דאָס גלויבען, ווי אַ ווייטע וואונדער=מעשה=שיף
מיט שלאַנקע מאַסטבוימער, מיט טלית=זיידן=זעגלען דינע, דינע...
און איך בין יונג געווען, און ס'האָט געברויזט אין מיר דאָס גלויבן,
וואָס האָט צו אַרבע פנות עולם איצט געשיקט מיין הארץ—די טויב...
און ס'האָט דאָס הארץ פון מדבר-זאַמד אַ קלאַנג דערהויבן:
ס'איז אַלץ הבל הבלים! אייטל, נאַרישקייטן, גלויב.

ז.

ווי גרינג איז איצט מיין הארץ! עס וויל ארויס מיר פליען:
און קניען הויך פאַר גאָט, אים פאַלן צו די פיס!
און אויסגיין פאַר'ן גליק — אויף אייביק בלייבן קניען!
און זיין נאָר אין זיין גבול, וואו גאָט דער הערשער איז!
און רוען אויף זיין שוועל! לכבוד אים נאָר דינען!
און הייליק זיין מיט אים! און אייביק זיין אין אים!
פאַרגעסן זיך אין אַלץ — צומאָל זיך ניט באַזינען.
און שפינען נאָר זיין ליכט. און הערן נאָר זיין שטים.
ווי גרינג איז איצט מיין הארץ. צום פליען גרייט, ממוכן...
— העי, ניט געקוקט, און פלי. צעריים, די הימלען שוואַרץ.
פון גורל הער ניט אויס דאָס סודות'דיקע פלוכן:
— הבל הבלים — אַלץ! ס'איז אייטל, נאַרישקייטן הארץ.

ח.

געבליצט האָט דער געדאַנק מיט פריילעך ליכטיקע און ווייטע בליצן.
איך האָב זיין יעדן קנייטש, און יעדן פלי פֿון אים באַטראַכט:
אָט לעגט זיך דער געדאַנק אויף בערג, אויף שנייען-שפּיצן;
אָט קייכט ער, דער געדאַנק פון יוגנט, קייכט און לאַכט...
און לייכט איז דער געדאַנק — און ווי אַ שטויב אַ גרינגער
אויף פליגלען פון אַ מלאך, פון אַ כרוב.
און איך בין איצט געווען דער גליקליכסטער, דער יונגסטער זינגער.
און שיינקייט איז געווען מיין יעדער אָדלער-רוף.
דער רעיון האָט געבליצט, צו גאָר דער וועלט געשמייכלט,
געשמייכלט צו דער מצוה, צו דער זינד...
נאָר ס'האָט דאָס האַרץ צו אים זיך קינדיש עצבות'דיק געשכל'ט:
— ס'איז נאַריש, אייטל — אַלץ! הבל הבלים, קינד.

ט.

— ווי נײַ מיין טרויער איז, ווי נײַ און פריש די וואונדן?
ווי גוואַלדיק גרויס איז ער — מיין אומעט און מיין צער.
זיי האָבן מיך פאַרשקלאַפט, צו אומבאַשטימטקייט מיך געבונדן.
און כ'זע שוין גאָרנישט ניט. און כ'בין פון עלנט שטאַר.
איך זע קיין שטראַלן ניט. איך זע קיין שטערן ניט.
און אַלץ איז אָפּגעבליט. און אַלץ איז אָפּגעשיט.
און מיד בין איך, אוי מיד. כ'ווער לעבעדיק — פאַרשיט.
דאָס שפּינעכץ שפּינט מיך איין — דער עלנט מיך פאַרציט. — —
און פלוצים גיט אַ שאָס אַרויס מיט בונטן רעגנבויגן-שטראַלן.
און ס'קוועלט מיין טרויער יונג. מיין יונגער טרויער קוואַלט — —
און כ'הער פון ווינטן דעם געזאַנג, דעם פייפן און דאָס שאַלן.
— הבל הבלים — אַלץ! אַלץ — אייטל, נאַרישקייטן — אַלט.

ט.

ווי אַלט איז דער פּאָריאָרש׳טער גענדאַנק און דאָס געפיל.
ווי אַלט די חכמה איז מיט אַלע אירע קנייטשן־שלאַנגען.
ווי הילכיק פּלוצים ווערט... ווי פּלוצים ווערט אונדז שטיל...
ווי נאָנט פון טרערן איז צו פריילעכע געזאַנגען...
איך בין מיט קהלת דעם בן מלך אינ׳ם האַרבסט געגאַנגען.
און האָנט ביי האַנט, גאָר נאָנט, און האַרץ ביי האַרץ.
ביי אים די אַלטע אויגן זענען בלוי געווען. און מיינע — יונג און שוואַרץ
און כ׳האָב מיט זיי אין זייגע אין־סוף־בליקן ווייט געפרובט דערלאַנגען.
און ער האָט ליכטיק ווייט געקוקט: „הבל הבלים, זעסט?!“
און שטיל אַזוי גערעדט... און שטילער נאָך... און שטילער, שטילערהייט...
און ס׳האָט מיין עולם־הזה־הימל זיך פאַרצויגן מיט אַ בלויער פרייד.
און ס׳האָט דער יונגער אימפּעט פונ׳ם גליק — מיין האַרץ געפּרעסט...

* *
*

גרויע סאבעטן.

גרויע סאָנעטן.

1.

אַ גרויער טאָג אין שטאָט. און גרוי די טראָטואַרן,
וואָס שטאַרן גרוי אַרויף צום הימל טונקל-גרוי;
און מענטשן איינזאַמע אין מחנות גרוי זיך שאַרן,
און האַרן אויף אַ סוד — און אויף אַ וואָלקן בלוי.
מיט אויגן גרוי צי בלוי — בליצט דורך פאַרביי אַ פרוי:
פאַררופט מיין האַרץ צו גליק! צי וויל זי מיך פאַרנאַרן?
אין איינזאַמקייט פון האַרץ אויף אייביק מיך פאַרשפאַרן!
צי זאַלבן מיך צו פרייד? צי זאַלבן מיך מיט טוי?
ס'איז מיין נשמה בלוי. און גרוי איז אַלץ אַרומ'עט,
ווי אויסגעשמירט אין פיין פון פתום ורעמסס=ליים,

ווי אויסגעגרויט אין שרעק, אין אומעטיקסטן אומעט.
און ס'הויבט דאס לעבן זיך פון איינזאמקייט געהיים:
און ס'בענקט זיך נאָך אַ שטורעם, און ס'בענקט זיך נאָך אַ היים.
ס'נשמה'לע פון שטאָט איז בלינד, ווי אַ משומד...

.2

עס פאַלט אַ נעבל גרוי — די איינזאמקייט — אויף גאַסן,
אויף מויערן אַרום, אויף דעכער, און אויף ווענט.
און ס'גייט דער לאַנגווייל אום מיט איינזאמקייט געלאַסן:
עס זענען גוטע פריינט — זיי האָבן זיך דערקענט,
אַרויסגעפונען זיך, און איינס אין צווייט געלענט —
די גייען איצט אַרום אין וואוילטאָג, און די שפּאַסן,
די ליבן שמייכן, די גלעטן, און די האַסן,
און האַלטן פעסט זיך, שטאַרק געאָרעמט ביי די הענט...
ווער זענט איר, בלויע פּרוי, מיט אייגן גרויע אָפּן?
ווי קומט איר דאָ אַהער, אין נעבל פונ'ם צפון?
ווי קומט איר דאָ אַהער, אין לאַנד פון פּיין און שאַנד?
ווי קומט איר דאָ אַהער מיט טרוימערייַ און האָפן?
איר ווילט דאָ לייגן הייך אַ בית המקדש־וואַנט —
און איר — איר קושט מיר איצט מיין אויסגעבענקטע האַנט.

.3

איך אָטעם איינזאמקייט מיט פולע יונגע ברוסטן:
איך נעם זי אויף אַצינד פון אַלעמען און אַלץ.
איך בין דיר, בלויע פּרוי, געפאַלן אויפ'ן האַלדז,
ווען אויפגעוועקט האָסטו די טיפסטע איינזאם־לוסטן,
און ס'פאַלן קלאַנגען איצט אין אויער אינ'ם פוסטן,
און ס'טראָפּט אַ רעגנדל אַן אומעטיקס, אַ קאַלטס,
און עמיצער פאַרגייט זיך אין אַ דראָבנע הוסטן —
אַ הויקער־קריפּעלע, אַ הינקעדיקס, אַן אַלטס.
און אַלץ איז קראַנק אַצינד, און אַלץ איז ווי און ווינט:
איך אָטעם איינזאמקייט, איך זאַפּ זי און פאַרוואַנדל

אין טרערן פון געזאנג — אין טרערן פון א קינד.
און ליכטיק, ליכטיק ווערט — ווען זיי אין האַרץ איך צינד.
איך אָטעם איינזאַמקייט. פון שטוב צו שטוב איך וואנדל,
און כ'וויל זי אָבקי'ען: „אוי, האַנדל! האַנדל! האַנדל!"

4.

עס טראָפּט א רעגנדל, און פייכט באַנעצט די בלומען,
די אומעט־אומעטיקע פונ'ם שווערן טאָג.
עס האָט אין גרויקייט פונ'ם זונטאָג איצט געגומען
צעבייזערט קלינגען הויך א פרומער קלויסטער־גלאָק.
עס זיצט א נאַסע אַלטיטשקע פאַרטראַכט ביים ראָג, —
און צלם'ט זיך אין איר פאַר'צער'טן אַלטן שטומען,
און ציילט די בלומען דורך, אין חשבונ'ען אין פרומען,
און עפּיס פאַלט אַראָפּ פון גאָר דעם העכסטן שטאָק...
אָ, זאָג מיר אַלטיטשקע, וואו איז מיין האַרינס הויז?
צי האָסטו ניט געזען, וואוהין זי איז געגאַנגען?
צי האָסטו ניט געזען, ווער האָט איר האַרץ געפאַנגען?
איך וויל אַצינד אויף איר א בליק נאָר ווארפן בלויז.
איך וויל אַצינד מיין איינזאַם האַרץ צו איר דערלאַנגען.
און גיב מיר, אַלטיטשקע, פאַר איר אַן איינזאַם רויז. —

5.

עס שרייען מויערן. עס פילדערן טראַמווייען.
עס זיפּצט פאַר איינזאַמקייט און יאָמערט יעדע וואַנט.
דער הימל דעקט אַלץ צו, פאַרדעקט מיט א געוואַנט,
מיט א לויה־דעק די הויכע הייזער־רייען.
די אומעטן מיט האַס, מיט גאַל מיט גרינעם שפּייען,
מיט שטיקענדיקן, ווערגענדיקן געלן בראַנד.
און דו, אָ, בלויעס קינד, ווילסט אַלץ אַצינד באַנייען,
ווילסט עוקר מן השורש זיין פון שטאָט די שאַנד.
דער הימל דעקט אַלץ צו, און וויקלט איין אין קאַלטן
די מרה שחורה־שטאָט, און וויל זי אויסבאַהאַלטן

פֿון גאָט און פֿון זײַן אױג — פֿאַרהילן רונד אַרום
מיט אַ לױה=דעק די גאַסן גלײַך און קרום;
און ס'גאַרט מיט יעדן שריט די שטאָט — דעם גאָט דעם אַלטן —
דער לעבעדיקער מת, דער אײנזאַמער בעל=מום.

6.

געקומען איז די נאַכט אױף מרה שחורה=פֿליגלען,
אױף מױער און אױף ברוק אַראָפּגעלאָזט זיך שװער.
פֿאַרהאַמערט איז מיט שלאָף אױף שטאָל=און אײַזן=ריגלען
דער גוף פֿון שטאָט. ס'װערט פּוסט. די אױגן װערן לער.
און עס שפּאַצירט אין גאַס אַ שװאַרצער שװערער בער,
װאָס שפּיגלט זיך אין נאַכט — אין מאַטע שװאַרצע שפּיגלען,
ער כאַפּט אין אָרעמס אום, און מיט אַ פֿאַלשע טרער —
די מײדלעך פֿון דער נאַכט מיט זנות= און קין=זיגלען.
און ס'לאַכען הילכיק הױך די בלאַסע מענטשן=טעכטער,
און ס'קײַקלט אױפֿ'ן ברוק זיך הילכיק דער געלעכטער,
װען בעל הבית'יש פֿרום די נאַכט האָט אַלץ פֿאַרמאַכט,
װען ס'דרעמלט אױך מיט אַלץ פֿון חושך'ניש דער װעכטער.
װען די — מײַן בלױע טױב — פֿון אײנזאַמקײט פֿאַרשמאַכט,
װילסט בלױז מאַכן די שטאָט, װילסט בלױז מאַכן די נאַכט.

7.

פֿון אײנזאַמקײט דער גענץ אין קײטן אײַנגעבונדן
פֿאַרגלײװערט שטײט אין שטאָט, אין מיטן רױסן מאַרק —
די גראָבע הענט פֿאַרלײגט. און אױף זײַן בױך דעם רונדן
עס ליגט אַ קרבן יונג — דער זינגער פֿונ'ם באַרג.
ער האַלט אים שטאַרק, דער גענץ, און גיסט אים אױף די װאונדן
דאָס הײסע טרערן=בלײַ פֿון זײַנע אױגן קאַרג;
און האַלט זײַן קרבן יונג מיט גרױעם פּשוט שטאַרק.
און יעדע האָפֿענונג אין יאוש װערט פֿאַרשװוּנדן.
ס'איז פֿרײלעך אין דער שטאָט. עס שאַלן די טראָמפּײטן.
אַ גרױסער חיל גײט. עס הילכן פּויקן, טעץ.

ס'איז אויסגעשפרייט אויף אַלץ פון בלענדעניש אַ נעץ.
אין גרויקייט און אין בלענד יאָגט איבער איינס דעם צווייטן.
דעם זינגערס לעצטן הויך וועט איינזאַמקייט באַגלייטן
און ד'ו נאָר רחמים'דיק וועסט קניען פאַר דעם געץ. —

8.

עס שלאָגט געדיכט אַ רויך פון הונדערטער פאַבריקן.
און גרויע שלאַנגען — הויך פאַרשליידערן דעם סם,
און ווילן תכלית-בלוי, דעם שטרוים פון ליכט פאַרשטיקן.
און ס'מאַכט מאַשינען-שטאָל אַ גרילציק טאַראַראַם.
ס'איז ענג אין הויכע ווענט. עס גיסט זיך שוויס אַ ים:
מען וועבט פאַר עמיצן די רויך-געקנוילטע גליקן —
אויף דאָ צו טיילן עס, אויף ערגיץ-וואו צו שיקן,
אויף צו פאַרשווענדן עס, און וואַרפן ערגיץ סתם.
איך וואַנדל אום אין שטאָט, פאַרדרויכערט די געדאַנקען,
זיי בלאָנקען, בלאָנקען אום אין וואָלקנס פון'ם רויך.
זיי שלענגלען זיך אין מאַרק און שוואַנקען אין דער הויך.
מיר דוכט זיך, אונטן, זעסט — פאַרשטיקטע בליצן צאַנקען.
דיך האָב איך דאָך געוועבט אין די געדאַנקען אויך — —
כ'וויל דאַנקען עמיצן. און כ'ווייס ניט וועמען דאַנקען.

9.

עס רייסן ווינטן זיך און פילדערן און ליאַרמען,
און וואַרפן זיך אויף אַלץ מיט האַרבסטיק-קאַלטן גיפט.
און סם פון איינזאַמקייט — געדיכט אַ רעגן טריפט.
אַז גאָט אַליין אויף אַלץ זאָל איצטער זיך דערבאַרמען.
עס שטאַרצן געלע ווענט פון פינצטערע קאַזאַרמען —
אין אונטן גרוי און קאַלט אין עלנטקייט פאַרטיפט.
מיר דוכט — אַרום די ווענט באַוואָפנט גייט אַ בר-מנן.
ס'האָט אינעווייניק איצט זיך איינזאַמקייט צעשטיפט.
עס רייסן ווינטן זיך. ס'איז אומעטיק ביז שטאַרבן.
ס'איז אומעטיק ביז טויט. און עמיץ קעמפן גייט;

און לאַכט די אויגן אויס פון לעכערדיקן שאַרבן.
מיר שטילע גייען איצט פאַרקלעמטע, זאַלבאַצווייט.
אָ, גרויקייט, האַר פון אַלץ. די פאַרב פון אַלע פאַרבן —
ווי שווער און ווי געדיכט די האָסט זיך אויסגעשפּרייט!

10

און שנייען שמוציק גרוי פון נאַסע הימלען פאַלן,
פון הימלען אויסגעשמירט מיט גרויעם צער פון שטאָט.
וואָס האָט א פּנים איצט — אווגעאווס'ס אַלע שטאַלן —
אַרויסגעשיט אַהער דעם מיסט פון שאַנד און שפּאָט.
און ס'ווייסט איין גאָט אַליין, וואו ס'איז אַצינדערט גאָט.
עס גיסן טריבן ליכט עלעקטריש־קאַלטע שטראַלן.
עס גייט א שוידער דורך דעם טעלעגראַפן־דראָט.
און פון א טורעם בלייך צעשאַלן ווייט „היינאַלן".
דאַן טאַנצטשו קעגן מיר דעם העלן טאַנץ פון טרויער:
מיין שוועסטער מרים טאַנצט אין נעבל גרוי אַרויס...
און דיר אַרום העלט אויף א שיין א מאַטער, בלויער.
און כ'זע נאָר אויגן צוויי, געעפנט ברייט און גרויס.
און כ'וואַקל זיך פאַר פרייד... און כ'לען זיך אָן א הויז...
און כ'ווער אין הינערפלעט פאַר גליק א סגי נהור.

* *
*

שניי=שטילקייט.

שניי-שטילקייט.

1.

צו דיר, אָ, שטילקייט, וואָס דערהערט האָב איך אין פאַלן פונ׳ם ערשטן שניי
צו דיר, אָ, שטילקייט, די באַהערשערין פון העכסטן קלאַנג,
צו דיר, אָ, שטילקייט, די באַפרייערין פון יעדן באַנג און וויי —
צו דיר איז איצט געווענדעט מיין מיד געזאַנג.
צו דיר, אָ, שטילקייט — שטים פון אייביקקייט און טיפן צער!
צו דיר, אָ, שטילקייט — ווייסע געטליכקייט — און הויך פון טויט,
צו דיר — קול דממה דקה, וואונדער גרויס, וואָס אויפגעבלויט
האָסטו אין האַרציקקייט: מיין רויטע האַרץ דערפאַר
איך ברענג דיר אויף א זילבער-טאַץ, פאַר דיר געקניט,
איך ברענג פאַר דיר עס איצט א קרבן מנחה און א דאַנק!
און ס׳זעגען מיינע אויגן איצטער שטיל און הייליק בלאַנק —
די ווייס עס איז און שטיל, און פרום מיין איצטיק ליד! —

2.

צו דיר, אָ, שטילעס קינד, מיט אויגן, ווי די סודות שטיל,
צו דיר, אָ, שטילעס קינד, מיט פֿליגל־ברעמען זילבערנע אראָפּגעלאָזט,
צו דיר, מיין קינד, עס שפּילט מיין האַרץ אַ ווייסן טויבן־שפּיל.
און ס'זענען קלאַנגען שטיל אַזוי, און פֿריילעך־אומעטיק און פֿראָסט.
דו האָסט מיט וואַרעמקייט פֿון שטילקייט מיך געגלעט.
דו האָסט מיט שטילסטער שטילקייט פֿונ'ם שווייגן גרויס צו מיר גערעדט.
דו האָסט בלחש אויסגעהויכט דיין מילד געבעט — —
און ס'איז אַרום, אַרום — סיי נאָענט, סיי ווייט — אַ הילכיק פֿראָסט:
און ס'גריילצט אונדז רונד אַרום פֿון ערד און הויך אַראָפּ אַ ראָב־געשריי!
און ס'בלוטיקט אין אַ קראַמף, אין רו און קאַמף אַ ווילדער ווי — —
און ס'זענען דיינע זילבער־ברעמען לאַנג אַראָפּגעלאָזט...
און ס'נידערט שטיל און שטילער נאָך מיין שטילקייט־שניי.

3.

זאָל שטיל איצט זיין, ווי שטיל עס איז אין מיין נשמה איצט,
וואו שטומע בליצן פֿון אַ בין־השמשות האָבן זיך צעגליט.
וואו ס'איז די אייביקייט פֿון גאָט בקדושה אויסגעקריצט,
וואו שדי זיצט אין כבוד גרויס, אין שטילקייט אויסגעצירט,
וואו ס'רופֿט די ווייסקייט און די פֿליגלדיקקייט אומבאַרירט:
זאָל שטיל איצט זיין, ווי שטיל עס איז מיין העל געמיט,
אין לויטער פּערלמוטער־שנייאיקקייטן אויפֿגעבליט.
זאָל שטיל איצט זיין, ווי שטיל אין וואַקסן איז אַ לאָטאָס־בלום.
זאָל שטיל איצט זיין, און צניעות'דיק און פֿרום — — —
זאָל זיין — עס קומט דערנאָך אַ שטורעם פֿון דעם אויסגעהילטן פּיין!
זאָל זיין — עס ווערט אַ דונער פֿון דער וואָכעדיקקייט אין דער שטיל אַריין!
זאָל שטילער נאָך — און שטיל, און שטיל זאָל זיין!

.4

ס'איז שטיל מיין וועלט! און מענטשן ווייס=געקליידט פאמעליך גייען.
און ס'פאלן שטיל פארטראכט די שטערנדלעך פון שנייען.
און אן עגלה ווייס זיי זענען איצט מלוה — זיי באגלייטן.
און שטילקייט טוט זיך אין אומענדליכקייט צעשפרייטען.
און ווייס עס זענען אין עגלה איינגעשפאנט די פערד.
און ס'קלינגט אפויר מיט זילבער=קלימפערן דאס זילבער פון דער ערד.
און אינ'ם שניי, אין נעבעלדיקקייט זע איך ווייס מלאכים=טענץ,
זיי האלטן אומעטיקע ווייסע בלעטערדיקע קרענץ.
און אויף די ווייסע פערד עס וויגן זיך די ווייסע לאנגע פרענדז.
און ס'גייט א גלח'ל — דאס לעבן ווייט פארויס, און מיט א בלאנקן שווערד.
און ס'שפאנט דאס לעבן אימה'דיק מיט וואקל=טריט, און גיך — —
ס'איז שטיל מיין וועלט. אין דער עגלה — איך.

.5

ווי שטיל עס איז! א זילבער=נאכט א הייליקע א בלויע.
ס'איז א געשפיל פון שטערן אין דער שטילער הויך,
זיי וואנדלען אום אין אייביקן, אין טונקל=בלויען חלל=רויך.
ווי פיל מזלות ס'זענען! און ס'איז דאך יעדערער פון זיי זיך טועה,
ווי שטיל עס איז! עס רוט די נאכט אין טיפן ערנסט.
עס רוען שטיל די הייזער גרויס און קליין.
און אומזינדיק איז אלץ, און קדושה'דיק און ריין.
— ווי ס'איז ניט זיכער אלץ, מיין פריינד, וואס דו דערלערנסט!
ווי שטיל עס איז! און גייסטער זענען די לבנה איצט מקדש.
און ס'קוואלט די שטילקייט און די רואיקקייט פון מתים=שניי.
איך ברום א נגון איצט. און ווייט צו יענער זייט איך גיי —
— יתגדל ויתקדש! —

6.

אויף ווייסע קלאַווישן פֿון שניי — די שטילקייט מיט דער נאַכט איר שיינקייט (שפּילט.
און ביידע זענען זיי פֿאַראייניקט, איינס אין צווייטן איינגעהילט.
און ס'ווילט זיך צוטו יען צו זיי, מיט שווייגן מיטשפּילן מיט זיי,
מיט עצבות'דיקער, ג׳ווסער שטילקייט פֿונ׳ם שניי.
אויף ווייסע ציטערדיקע קלאַווישן פֿון שניי איך גיי און גיי.
איך הער זיך צו צו די געזאַנגען פֿון די שטילע טריט
פֿון אייגענע און פֿרעמדע; ס'איז אַן אויסטערלישע, מאָדנע ליד...
עס שיט דער שניי, פֿאַרשיט דאָס ביין געמיט.
פֿאַרטויבט און אויסבאַהאַלטן זענען אַלע וואַנדערדיקע שטימען.
און ס'שטרעקט זיך אויס דאָס אצבע אלקים, און ווייזט אַ סימן —
דעם נס פֿון שטילקייט! איך גיי, און אויף איין אָרט איך שטיי...
מיט לאַנגע, דינע פֿינגער שפּילט די שטילקייט אויף די קלאַווישן פֿון שניי.

7.

עס גלאָצט אַראָפּ אין מאַרק די געלזוכט-אויג פֿון אַלטן זייגער רונד,
וואָס קלינגט געלאַסן אָפּ אַן אומעטיקן צוועלף פֿאַרטראַכט.
און אויף׳ן מאַרק האָט צוגעשפּאַרט איר קאָפּ די נאַכט.
אין שניי-געלעגער אָטעמט מיד איר ברוסט — אַ ווייסע וואונד.
און פֿון אַ קעלער שפּרינגט אַרויס אַ גרויע פֿלינקע קאַץ,
וואָס ווערט מגולגל אין אַ ווייסן מענטש, געקליידט אין מיץ און קיטל,
און מיט אַ פּנים פֿון פּיעראָ, דעם בלאַס-באַליידיקטן פּאַיאַץ,
וואָס פּויקט אין גרויסן פּויק פֿון פּוסטקייט און פֿון ביטול.
אַ שליטל יאָגט זיך ערגיץ וואו, און פֿליט אַוועק מיט קאָלאָמבינען...
— אָ לאַך פּאַיאַץ! דיין ליבע איז צעשטערט, און האָט דאָך ניט קיין זינען!
פֿון ליבע לאַך, פּאַיאַץ! ניטאָ ביי דיר שוין גאָרניט מער!
הען ס'טוקט זיך אין דעם געלזוכט-אויג פֿון שטאָט-זייגער אַ טרער!

8.

דו האָסט, מיין קינד, געזינדיקט היינט. אָ, זאָל די זינד דיר וואויל באַקומען!
און אַלטע זאַך: עס בלענדן, און עס זינדיקן אויך בלומען...
און שניי, דער שטילער שניי וועט יעדן חטא פאַרגעבן!
וואָס איז עס — זינד? איך ווייס ניט, ווי דו ווייסט ניט, כ'לעבן...
דו האָסט געזינדיקט, קינד! און כ'ווייס ניט, ווי דו ווייסט ניט אויך דיין שולד.
עס איז דער שטילער טרויער איבער אַלע ברעגן איבערפולט.
עס טרינקט זיך אין זיין טיפענײש אַ פלעמל.
און יעדער אויג ביי דיר איז דאָך אַ כשר קרבן-לעמל.
פאַרליב פאַרגיב איך דיר. און ס'ווילט זיך יונג און הילכיק שרייען.
איך בעט דו זאלסט דערפאַר מיר, קינד מיינס, מיר פאַרצייען.
עס וויל דער שניי מיט לחש-בלענדעניש מיין האַרץ פאַרחוש'ן..
אָ, זיי מיר מוחל, קינד, איך קאָן דיר דיינע אויגן היינט ניט קושן!

9.

און פלוצים ווערט מיר פאַר דעם שניי דאָך אומעטיק אַזוי און שרעקליך.
מיר דוכט זיך אויס — דאָס איז אַ מחנה ווייסע מייז מיט לאַנגע עקלעך,
וואָס פּאָרען זיך אַרום אַ בר מנן, און רייסן אים אַראָפּ די פינגער...
מיר דוכט זיך אויס — דער טויטער איז אַן אויסגעלייזטער זינגער,
וואָס איז פאַר ווייסער בענקשאַפט טויט גע'חלש'ט צוגעפאַלן צו דער ערד.
און ס'האָט דער שניי זיין ודוי און זיין לעצטן הויך געהערט.
און אפשר איז עס איצט אַ טרוים אין מיין געליבטערס יונג געשטאַלט,
וואָס וועט אין מיין דערוואַרטונג קומען באַלד,
וואָס וועט צעלאָזן אויפ'ן שניי די צעפּ די אומעטיקע אירע,
די האָר, וואָס זענען גרוי און ווייס געוואָרן נאָך איר פטירה...
זאָל טויט עס זיין דער טרוים, אויף אייביק שוין, און אומערוועקליך?
מיר דוכט זיך אויס — דער שניי — ווי שטילע, ווייסע מייז מיט לאַנגע עקלעך...

.10

און יעדער מויער אין זיין ווייסן טרויער, ווי געזיגלט מיט דעם שנייען־שטעמפל,
זעט איצט אויס אן אומעטיקער קלויסטער, זעט איצט אויס -- א טעמפל.
און וואו־ניט־וואו אין פענצטער טליעט נאך א ציטריק לעמפל,
ווי אויפגעהאנגען פאר א שלעפעריק און הייליק־טונקל בילד.
די טריט פון גאסן־פרויען ווערן פלוצים שטיל און מילד.
און איינגעשטילט, און אויסגעשפרייט עס זעגען בלאסע הענט.
די שאָטנס לייגן זיך, ווי לעבעדיקע צלמים אויף די ווענט.
עס זעהען אויס די בלייכע פרויען, ווי די מנישקעס אויף דעם תפלה־וואַך.
ווי ליליען קניענדע פון דעם צדיקים־זינגער ראָדענבאַך.
ווי בלומען שוימענדיקע אויף א שלאָפנדיקן וואסער־פלאַך.
און ווילד משוגע ווערט דער קלאַנג פון ווערטער לעסטערדיקע קלוגע.
ס'איז הייליק שטיל די שטאָט — א טויטער בריוגגע...

.11

עס קניען ליליען הייליקע — אין ווייסן שניי פארבליען.
און אויף די ווייסע שטענגעלעך זיי שלענגלען זיך און ציען,
און צערטלען זיך צו ווייטע, ווייסע שטערן אויס.
עס אָטעמט מיט דער שוטילסטער שטילקייט יעדער מויער, יעדער הויז,
ווען ס'טריפן טרערן פון די שטערן אין די בעכערלעך אראָפּ.
און די לבנה רוקט ארויס פון וואָלקן־שלייערן איר קאָפּ,
און קוקט אין ליליען שנייאיקע אריין...
זי איז מכבד, טריפט אויף טראָפּנווייז איר בלייכן שיין!
דערפרוירענע מלאכים צו די שנייען־ליליען זיך פארנויגן,
און פון די כוסות קידוש־ווייז פאמעליכן זיי זויגן,
דעם לויטערסטן, דעם ציטערדיקן ווייַן — —
ביז ס'קומט מיט שאָטנס פונ'ם טאָג דער שטן מיט זיין טעמפּ כלי זיין.

.12

א ווייסער מדבר פון די שנייען רופט אין ווייטן ווייסן וועג.
עס זענען טעג, אזוינע מאָדנע, ווייסע טעג,
אזוי ווי בלינדע, אָן די שוואַרצאַפּלען אין גרויע אויגן —
די טיף אין זיך פאַר גרויסן טרויער איינגעצויגן.
און ס'זענען בערגלעך שניי אין ווייסן מדבר, ווי די ווייטע פּיראַמידן,
וואס שמייכלען צו דעם גייסט דעם מידן,
און גלעטן יעדן בליק מיט אָנצוהערענישן און רמזים אויף א גרויסן פרידן.
און שנייען מאכן פאַר די אומעטן א ברייטע וואַרע
אין ווייסן וועג אין דעם אומענדליכן און פרייעם,
וואס פירט פון א פאַרשאַלטענעם, פאַרוואָגלטן מצרים,
וואו ס'איז געשטאָרבן אַממאָן-ראַ, נאָר ס'קיניגט נאָך דער הערשער פרעה.
דער ווייסער מדבר פירט צו שטילקייט, צו א זונען-גאָט א נייעם!

.13

אין פעדער-וואָלקנס שווימען שלאַנקע זילבערן-באַקרוינטע שוואַנען
זיי פעדערן זיך. פאַלן, פלאַטערן די פעדערן אין לופטן.
די שנייען בליען אויף, און שנייען-בלומען דופטן.
א בלויע מיידעלע איז אין דער וועלט פאַרהאַנען.
זי האָט פאַרטרערטע קאָרן-בלימלעך-בלויע, בלויע אויגן.
זי האָט א קעפּעלע — פון טרויער — אָן א זייט געבויגן.
זי האָט אזעלכע אומעטיקע לאַנגע, ברוינע לאָקן.
זי האָט אזעלכע ליפּעלעך, וואָס זענען אָפן און דערשראָקן.
פון רחמים גליט אין מיר אַן אומעטיקער פייער.
איך בין זיך מיט דעם מיידעלע אויף עפּיס וואָס מצער.
פון וואַנען קומט די אומרו אָן? זאָג, שוועסטערל, פון וואַנען?
אין גרויע וואָלקנס שווימען אום פון שניי די שטילע שוואַנען...

.14

מיליאָנען פערל זענען אויסגעשאָטן אויף דעם גליווער פון דער ערד.
און וואויל איז דעם, וואס האָט דעם טרערן-גלאנץ פון זיי דערזען.
און וואויל איז דעם, דעם שימער זייערן וואס קען.
וואס האָט תחנונים זייערע אין שטילקייט פונ'ם שניי דערהערט.
מיליאָנען פערל זענען אויסגעשאָטן אויף דעם קאלטן ברוק...
און ס'טאנצט א באָבעשי א כשר מצוה-טענצל.
עס טאנצן ווייסע, ווייסע כלות איר ארום — א פערל-שנור — א קרענצל.
און ס'איז די באָבעשי אין שטערן-אויריגען, און אין א זילבערנעם פארוק.
איך קוק זיי אָן, ווי זיי דערנענטערן זיך איצט.
פון פערל-שניי א שטילער שמחה-שמייכל בליצט,
א הייליק היילוקער פון דער באַגעגעניש. נאָר וואָס — געשען!
ס'איז וואויל צו דעם, וואָס האָט אין שניי דעם פערל-גלאנץ געזען.

.15

עס חלומ'ען די שנייען אין די נעכט — אזעלכע אַלעבאסטער-קלאָרע!
און יעדער גאַס איז — ווי א זילבערנע עטרה,
באַצירט מיט דימענטן. דער שניי, ווי ווייסע וואָל
פון מילך-קרבנות'לעך, פון יונגע שעפסעלעך אָן צאָל,
פון בעלי חיים-לעך — איז איצט אָן שעטנז, אָן א זינדיקן געמיש.
לבנה-שטראַלן זענען, ווי די שלאַנקע וואַנדער-וואונדער-פיש,
וואָס שווימען אום, און קנייטשן צאַרט פון שניי דעם בלאַנקן טלית.
און איינגעהילט אין הימל-טלית איז איצט אלעס, אלעס.
עס קלינגט און שפיגלט זיך אין ווייסקייט דער לבנה'ס קול,
און סודות'דיקער, טיפער ווערט דאָך ווייטער וואָס אַמאָל...
און ס'ווילט זיך וואַנדלען, וואַנדלען, וואַנדלען אָן א ציל.
און זאָגן ווילט זיך א קאפיטל תהלים אין דעם אומעט שטיל.

.16

און שנייען ווייסע שיטן אָן אָן אויפהער שיטן, שיטן
עס איז, אין נאַכט געפּאַנצערט, שטיל אַ ריטער דורכגעריטן
צום שלאָס, וואו ס'וואוינט פון האַרץ די סודות'דיקע דאַמע.
ער האָט געפונען איר פאַרלוירן גאָלדן שיכל...
און איך — איך זוך אַ האַרץ, ווי ס'האָט מיין שטילע אומעטיקע מאַמע.
(ניטאָ אזא אין ערגיץ ניט, מסתמא.)
מיין מאַמע טראָגט פון שוואַרצע שפּיצן אויסגעוועבט אַ שטערן־טיכל.
מיין מאַמע טראָגט אַ צער אין אירע גרויסע אויגן.
מיין מאַמע איז פון טיפן צער געבויגן.
מיין מאַמע גלעט מיין שאָטן ערגיץ אין דער ווייטע פרעמד,
און רופט מיך, משה'לע, פאַרזאָרגט אזוי און צערטליך און פאַרצויגן.
איך בין אין ווייסער שטילקייט, אין דעם שטילן עלנט איינגעקלעמט.

.17

אַ שלוה־שניי ליגט אויסגעשמייכלט אויף דער אויסגעמאַטערטקייט פון דר'ערד,
און מאַט אזוי, און גלאַט אָן חשד מיט נאַכט פאַרקלערט.
עס איז, ווי אין תכריכים איינגעהילט דאָס אַלץ, וואָס איז צעשטערט.
מיט לאַנגע ווייסע בערד און קיטלען גייען אין די גאַסן מתים אום.
און די באַוועגונגען פון זיי — זיי זענען שטיל און שטום.
עס איז דער אָטעם פון'ם טויט אַצינדערט איינגעהאַלטן.
די מתים קאָן נאָר ניט דער שניי באַהאַלטן.
און די לבנה שיקט אַראָפּ איר מרה שחורה־קוש דעם קאַלטן.
עס בלינצלען צו דעם שניי די גרינע, גרינגע שטערן.
זיי טריפן אין דער נאַכט מיט טרערן פון געשטאָרבענע באַגערן.
און אויף דער אויסגעמאַטערטקייט, אויף שלוה־ווייסקייט פון דער ערד
ליגט אויסגעצויגן אין אַ גאַס דעם מלאך המות'ס טויטער, ווייסער פערד.

18.

דער מלאך המות איז אורעק אין טיפן שניי צו פֿרום
און פֿליגלען האָט ער ניט: זיי זענען לאַנג אים אָפּגעדאַרט.
און ס'זענען זיינע טריט אזוי מגושם'דיק און האַרט.
עס קייכט די גאַס, און לאַכט מיט פוילע ציינער פֿון איר זנות.
דער מלאך המות גייט אין טיפע שנייען און אין גליווער-קעלט
און אָנגעפּעלצטער, און פֿון טאַשן לאַכט ביי אים אַרויס דאָס געלט...
און פֿון דערווייטנס קלינגט אן אומרו'איקער גלעקל פֿון א שליטן.
מיר דאַכט זיך, פֿארבן האבן זיך אין פּנים מיר געביטן;
און איך (די פֿרייד געמיטן) בין איצט אין מיין שטילקייט בלייך.
און מיינע טריט אויף שנייען זענען אָן שום שפּורן. גרינג און ווייך.
איך איין אצינדער ערגיץ אין אן אומענד גיך.
עס דאַכט זיך מיר, איך טראָג דעם ווייסן טריט אויף זיך!

19.

עס האָבן אפשר חדר-יינגלעך פֿונ'ם שניי א גולם אויסגעקלעפּט
דערנאָך—ווער ווייסט, פּאר וועלכע זינד—דעם גולם ווייס געקעפּט.
און ס'שלעפּט זיך אום דער גולם מיט'ן שטילן ווינט.
און ווינט מיט אים, און יאָמערט, ווי א ניט פארשטאנען קינד.
און מיינע אויגן זענען אויך פֿארזינדיקט איצט און בלינד.
און כ'האָב זיי מורא עפֿענען. און ס'גליט אין מיר א וויי.
און כ'שלינג אראָפּ פֿון זיך א שמערצליך אויסגעשריי:
ווען כ'עפֿן אויגן אויף—וועט ווערן שוואַרץ דער שניי.
כ'וועל בעסער טיף דערשטיקן מיינע צווייפלען. מיינע זינד —
א, איידער אויף די ליפּן, אויף די אויגן ברענגען זיי!
זאָל שטיל איצט זיין אין ווייסער קדושה פֿון דער נאַכט.
כ'וועל מיט דעם עולם-גולם גיין — מיט אויגן פֿעסט פֿארמאַכט.

20.

איך שפּאַן פּאַרויס אין שניי, און כ'שיק אַפּויר די ווייסע טויבן — מיינע טרוימען.
און כוואַליעס פּוג'ם שניי מיט פּערלמוטער־שימער שוימען.
און ס'ווערט די ווייסע שטילקייט ריזיק, אויסגעלייטערט, שטאַרק.
און ס'וואַקסט פאַר אויגן אויס אַ וואָלקנגרייכנדיקער באַרג.
אַן'איינזאַמער, אַ ניט־באַטראָטענער, אַ ווייס־געלאָקטער פרוש — אַ מאָנבלאַן.
און, ס'דוכט זיך, פערציק טעג און פערציק נעכט איך שטיי אויף אים געקניט
און כ'קריץ אויף גווייסע לוחות פון מיין האַרץ דעם נגון פון מיין ליד.
און אונטן קלימפּערט מיט די גלעקלעך זילבערנע — אַ קאַראַוואַן —
אין תאוה, און אין ליידנשאַפטליך־גיריקן געשפּאַן.
און ס'קלינגען נענטער, העכער אַלץ די קייטן און די גאָלדן צוימען.
איך שפּאַן פאַרויס אין שניי, און כ'שיק אַפּויר די ווייסע שלוחים — מיינע (טרוימען
און צו דער שיינקייט—צום באַרג סיני פון דער אייביקקייט איך שפּאַן.

21.

אויף ווייסע פּידעלעך פון שניי, וואָס זענען אָנגעצויגן אויף דער העכסטער
פליט דורך דער פראָסט מיט זיינע פינגער ציט'ר רדיקע, דינע. (הויך —
און אומעטיקע, שטילע קלאַנגען הייבן זיך, ווי אין אַ פערלדיקן רויך;
און ס'וואַנדערט אום אויף סטרונעס פונ'ם שניי די ווייסע אומזיכטבאַרע שכינה.
און נאַקעט איז מיין האַרץ צו קלאַנגען און צו פראָסט — אַנטקעגן.
און וואו איך שטיי איז דאָך דער שיידוועג תמיד פון די וועגן.
ביי וועמען פרעגן — וואו צו גיין? ניטאָ ביי וועמען! סיידן ביי אַ קראַ.
און ס'איז פון שטילקייט און פון שניי אצינד — די ווייסע נסים־שעה.
עס פלאַטערן די קלאַנגען פון די פידעלעך, די ווייסע דינע
די שכינה רוט ניט... ניין! זי איז באַאומרואיקט פון רו.
וואו איז דער וועג דער אמת'ער? וואו איז ער, וואו?
און אָפן, אויפגעשאַרצט איז איצט מיין האַרץ — די זינדערין די שענסטע —
(פּרינצע!

.22

אין ביידע נעכט — אין ביידע שוואַרצאַפּלען פון דיינע יונגע אויגן
פיל שטערן האָבן זיך אין פריידן אָנגעצונדן.
דערנאָך, א שלייער פון א שטילקייט פאַר א שטורעם האָט פאַרצויגן
ביי אונדז די אויגן, און אין ווייסן טרויער אונדז געבונדן.
און פאַרשוואונדן זענען אַלע מויערן און גאַסן, און לאַמטערן.
און, זע, ביי דיר אין שוואַרצאַפּלען פאַרלאָשן זענען אויך די שטערן.
דער שטילער שניי איז איצט — א ווייסער ים צעוויגט אָן ברעגן!
דו זעסט, דו זעסט, א גרויסן שיף אין אים זיך איצט באַוועגן,
דו זעסט, דאָס איז דער מורא׳דיקער „פליענדיקער האָלענדער"
און אונדזער שיפעלע איז איצטער אין סכנה, אינדערמיטן, אינדערמיטן...
ווי ווייס עס איז ארום! אויף ווייס און טריט, דיין קול ענדער:
ס׳וועט אונדזער שיפעלע דערשלינגען, און פאַרשיטן!

.23

אין פלאַקערן פון זון און יוגנט־שכרות איז מיין פנים אָפּגעבריענט,
פאַר׳שרפ׳ט, ברוין — די תפלה־שיקנדיקע הענט.
און ס׳ברענט דער טומל מיין געהירן, ס׳גליט דאָס פוסטע רוישן
מיט שלאַנגען־פייערן פון דאָס התלהבות און אנטוישן.
ארום, ארום איז איצטער פוסט און וויסט, ס׳איז קיינער דאָ ניטאָ.
און מיד, אנטשלאָפן איז פון גאָט דער פלאַקער, דאָס שלהבת יה.
און קראָ נאָך קראָ דעם ווייסן שלייער רייסן.
דעם שלייער פּוג׳ם שניי דעם ווייסן.
איך בין באַהאַלטן אין דעם שטילן, שטילן שאָטן,
אין דעם שאָטן פון דער שטילקייט בין איך איצט אריינגעטראָטן,
זוכנדיק געבאָטן נייע אינ׳ם מדבר פון דעם שניי, וואָס פלעמלט
כ׳האָב מורא אויפוועקן מיין הארץ, וואָס האָט א ווילע איינגעדרעמלט.

24.

כ׳הער קולות פֿונ׳ם שניי פֿאַרשאָטן, און אין ווייסקייט זיינס צעבלומט —
„געקומען ביזטו, פֿריינט! געגריסט זיי! ס׳קאָצל קומט!״
און ס׳ברומט מיין האַרץ א פרעליכס! און ס׳קייקלט זיך אויף דר׳ערד
אין ווייסקייט און אין שטילקייט, וואָס עס האָט אזוי באגערט.
און ס׳יאָגט זיך אום, און ס׳קאָלערט זיך, און זינגט א זאָרגלויז ליד —
און בריט דעם שניי, און ווערט אליין ארומגעשיט,
ארומגעשמידט מיט פייכטן שניי, מגולגל אין א קנויל,
פֿארוואנדלט אין א קיילעכדיקן שטיפֿערישן קויל.
איך כאַפּ אים אונטער, און איך וואַרף אים ווייט, אוי ווייט אוועק.
און כ׳ווייס ניט אסור, וואו אויף וועלכן ווייטן וועג — —
און כ׳זוך מיין האַרץ אין שניי — — ס׳איז דאָך געווען א שטיפֿעריי!
צוריק איצט קום, מיין האַרץ! און כ׳וועל דיך לאָזן פריי!

25.

עס שימערן פאר שנייען-גלאַנץ די אויסגעגלאָצטע אויגן פֿון לאמטערן:
זיי הערן זיך צו ווייסקייט צו... וואָס וועט דאָ אין דער שטילקייט ווערן?
און ס׳הוסט זיך ערגיץ, אין א ווינקל-גאַס א האַלב-פֿארשלאָפֿענער פֿארקילטער (פֿערד.
א געניץ פון אַ פורמאן פלוצלינג שניידנדיק די שטילקייט שטערט.
און ס׳דוכט זיך עפּיס אין דער אומעטיקער ווייסקייט נייעס ווערט:
דאָס ווערט א נייער בלוילעך-גרויער טאָג געבוירן.
א קליינער שייטערל אין מאַרק זעט אויס דער סנה—דער פֿלאמענדיקער דאָרן
אויף הייליקער און ווייסער שטילקייט פון פֿארטאָגעדיקן שניי...
און פּ׳וצים אין דער אומעטיקער שטילקייט — א פארשטיקטער וויי-געשריי,
וואָס פאַלט אראָפּ אין קאַלטן גלאַנץ אנ׳אָפּגע׳חלש׳טער פֿאַרפֿרוירן:
א גאַסן-פרוי ארויסגעוואָרפן גיסט מיט טייכן זודיקע יתומים-טרערן.
און ס׳שימערן פאר שנייען-גלאַנץ די אויסגעגלאָצטע אויגן פון לאַמטערן!

ווײַסע הירשן.

לויפן, לויפן אין די בלויע שנייען ווײַסע הירשן שטילע,
לויפן, לויפן און פון זילבער, און פון רײַנעם זילבער זענען הערנער.
קערנער בלויע נידערן פון הימלען: ס׳פאלט א בלויע תּפלה —
ס׳פאלט דער בלויער שניי! און יעדער הירש איז דאך א גלגול פון א עילוי,
פון א זינגענדיקן סודי סודות-לערנער.

לויפן, לויפן הירשן אין די שנייען אומעטיקע, בלויע,
און די אויגן זענען דאך בײַ זיי אזעלכע טרויעריקע פערלמוטער-גרויע.

און עס לאזט זיך פלוצים רויט אראפ דער קאפ פון זון און ציטערט —
ווערט פאר אונט=בענקשאפט גרויס די זון, צעפלאצט, צעשפליטערט,
און גיסט זיך אין א פאליעדיקן רויטן ים — צעפלאסן
איבער אלע וועגן, איבער אלע ברעגן, איבער אלע מאסן.

לויפן, לויפן הירשן, ווי ס׳וואלט עמיצער אין זיי געשאסן...
לויפן ווײַסע הירשן, ווי געיאגט פאר שרעק=שגעון.
און מיט רויטן בלוט באגיסט זיך אלץ, וואס האט געטובל׳ט זיך אין בלויען
אין דער הימל׳דיקער בלויער טבילה.

לויפן, לויפן זילבערהערנערדיקע הירשן שטילע.
און פארפלאנטערט אין די שאטנס אייגענע פון הערנער אויף די רויטע שנייען
גוסס׳ן די הירשן אין די אויסגעבענקטע — אין מנוחה=ווייען —
און די פײַנליכע געשרייען פון די שטילע הירשן ווייט ביז זון צעשאלן.

לויפן, לויפן ווײַסע הירשן און זיי פאלן
כורעים פאר דעם גורל פאלן. —

* *
*

לבנה=שמייכלען

(פּאָעמען.)

לבנה־שמייכלען.

כשוף.

אויף אַ שיידוועג שטייט אַ קרעטשים,
שטייט אַ פּוסטע, וויסטע קרעטשים,
וואו בייטאָג איז שטיל און שרעקיק, שרעקעדיק און שטיל.

וואוינט אין קרעטשים קיינער, קיינער!
לאָדנס קריצן, ווי מיט ציינער...
ס'איז די טיר פאַרלייגט מיט שטיינער און מיט ביינער פיל.

וויל, אַ שטייגער, ווער דאָרט קומען —
הויבט די שטילקייט אָן צו ברומען...
און אין אָדערן די בלוטן ווערן תיכף קיל.

קרייטעכצער און ווילדע גראָזן
האָבן רונד — אַרום פאַרלאָזן
יענע ווילדע, פוסטע קרעטשים ביז — — דעם מילנער'ס מיל...

נאָר ביינאכט ווערט פריילעך דאָרטן:

ס'וואַקסט און בליט אַרויס א גאָרטן,
פון דער קרעטשים ווערט א פּאַלאַץ, און דערין — א שפּיל.

ליכטיק ווערט אין אַלע שויבן.
ס'קומען מתנות שוואַרצע טויבן:
הויבן אָן די ליבעס פּירן — שפּאָגל-ניי געפיל.

ווערן פּעדערן געפּאַרבטע,
רויט געפאַרבטע און געקאַרבטע...
דאַמאַלסט — קומט אין קרעטשים אַלע, ווער נאָר ליבן וויל!

הערט, ווי ס'שפּילן כלי זמר פריילעך,
ווי לכבוד אַ בן מלך!
אַ בנעימות'דיקער כשוף שכור'ט אינ'ם שפּיל.

זיידנס — כל'ערליי קאָלירן
אויף די קערפּערס שימערירן,
טאַנצן דימענטן, בריליאַנטן — ווערט אַ פאַרבן-מיל!

און — — אין האַרבן שפּיל, אינמיטן
אויף דער שמחה קומט צעריטן
אויף אַ ווינט — דעם מילנערס טאָכטער מיט מתנות פיל:

דעם אַ קוש, אַן אויגן-גלאַנצן,
יענעם — זיך אליין, אינגאַנצן,
אינ'ם טאַנצן, אין באַקראַנצן מיט די העמטלעך שטיל!

דעם געשענקט א טיפן בענקען,
אייביק האָבן צו געדענקען,
דעם — א זונגוואָרט אויפ'ן אויער! דעם געצייגט א ציל.

און עס לעבן אויף די ווייגען,
שוימען, אין די כוסות שיינען,
הײנען טענה'ן אין די בלוטן... ס'ווערט א שד-געבריל:

— „די אזוינע און אזוינע. . .
— רחב קומט. . . די שיינע זונה”. . .

און ס'באקומט א קול פון דונער יעדע קליינע גריל. . .
אלץ אין זילבער איז געשפונען
פון יהושוע פון בן נונ'ען —
אין לבנה אלע גופים.

פלוצים — — ווייטער שטיל.

ס'קומט דער טאָג פון הארבסט דער גרויער.
געניצט נאָנט אן אלטער פויער.
און א טרויער גייט געלאסן איינגעשרומפן, קיל.

און געהוי קערט און געבויגן
שטייט די קרעטשים איינגעצויגן.

— וואו פארפלויגן איז דער כשוף? אפשר צו דער מיל?. . .

סאלאָמע.

אויף א טעלער א זילבערנעם טראָגט זי מיין קאָפּ;
און די אויגן ביי מיר זענען איצטער פארמאכט.
עס לאכט די לבנה, און ס'לאכט מיט די נאכט —
צו סאלאָמע'ן אראפ.

און עס לעבט נאָך דער קאָפּ אינ'ם טעלער מיט בלוט.
און עס אָטעמט דער קאָפּ, און דער פנים איז בלאס;
און די ליפּן פון טוי און פון קושן — נאָך נאס
זענען פול נאָך מיט גלוט.

סאלאָמע איז נאקעט — אנטבלויזט איז איר ברוסט.
סאלאָמע איז נאקעט — אין שטילקייט געהילט
פון שלייערן זיבן, און טאנצנדיק — מילד
ווען זי צערטלט איר לוסט.

דער קאָפּ אויפֿ'ן טעלער באַוועגט מיט קיין ברעם.
און ס'קוקט די לבֿנה אין פּנים זיך איין
מיט שמייכלען פֿון אומעט, מיט שמייכלען פֿון פּיין
אין איר זילבערנעם קלעם.

און ס'לאַכט די לבֿנה, און ס'לאַכט מיט די נאַכט:
און טריפֿט אויף די שנייען דעם ציטריקן שיין,
און טריפֿט אויף די ווייען מיט לויטערן ווייַן —
מיט איר אייביק פֿאַרדאַכט.

פֿון אויגן סאַלאָמע'ס פֿאַרצווייפֿלטע גרויס
צוויי פּערל צעגאַנגענע זודיק און קלאָר
אַראָפּצו אויף קאָפּ מיר — צוויי טרערן אויף האָר.
צוויי — פֿאַלן אַרויס.

און פּלוצים פֿון שלאָף און פֿון טויט, ווי דערוואַכט,
עס עפֿנט די אויגן דער קאָפּ אויפֿגעהעלט,
דער קאָפּ אויף דעם בלוטיקן טעלער געשטעלט:
און ער קוקט אין דער נאַכט.

און ער קוקט אין דער וועלט — אין דער בלויקייט געוועקט,
און ער קוקט אין דער זילבערנער אייביקער ווייט.
און עס זוכען די אויגן א סוד, א באַדייט
פֿון דער שייַנקייט אַנטפּלעקט.

און עס שטרעקט אויס די ליפּן אין בענקשאַפֿט מיין מויל.
און עס ציִען זיך ליפּן צום מירמל-האַנט קאַלט —
דעם טעלער, דעם קאָפּ, וואָס אין ליידנשאַפֿט האַלט
מיט דעם יאוש און גרויל.

אָ, זיי ציִען זיך אויס צו דער ציטריקער האַנט...
און זיי קושן די אָדערלעך דין אויפֿגעבלויט,
דורכ'ן דורכזיכט פֿון צאַרטקייט, פֿון קיניגליך הויט.

אינ׳ם בענקען געשפאנט.

און פון בראנד ווי געשליידערט — א גליק, וואָס צעשטערט —
און פון הענט פאלט דער זילבערנער טעלער אראָפּ,
און עס קייקלט זיך מיט אויך מיט בלוטן מיין קאָפּ
אראָפּ אויף דער ערד.

און עס שמייכלט לבנה מיט אומעט און שפאס..
און שטיל איז די גאס, און פארשמאכט איז די גאס
א נאכטוואנדלער שרעקט זיך פאר שטראלן פון גאז,
און ער מורמלט מיט כעס:

— „איך בין זינדיק מיט דעם, וואָס ניט זינדיק בין איך—
„יאָ, איך בין ניט קיין חוטא, און דאָס איז מיין שולד...
און ער איילט ערגיץ גיין מיט לבנה פארפולט —
מיט די טריטעלעך גיך.

און פלוצים — — ער לאָזט זיך אין ווילדן האלאָפּ.
ווי עמיץ זיין חלום וואָלט אים נאָכגעיאָגט.
דאָס נאָגט אים דער טאָג, וואָס עס האָט ניט געטאָגט —
מיט זיין גוטס און זיין האָב.

ער לויפט פון זיין שאָטן אין אויסטערליש שרעק —
וואו ס׳גייט אין אזעלכע פארצווייפלטע נעכט
מיט שטערן און פערל, און זענזוכט — איר קנעכט,
סאלאָמע — איר וועג.

און זי טראָגט אויף א זילבערנעם טעלער מיין קאָפּ.
בלאס דערהויבן פון דר׳ערד מיט לבנה באטויט,
און ווי לויכטנדיק שטראלט איר דאָס ציטערדיק הויט,
און זי לאָזט פון מיין קאָפּ ניט די אויגן אראָפּ —
אירע אויגן צעבלויט...

לילִיע-לילית.

דורך דער נאַכט, און — אָטעם שטילן,
דורך באַגערן און דעם ווילן —
פֿיל איך קומט דער בלומען-פֿלאַטער,
ס'ציטערט אויף א קלאַנג א מאַטער,
ס'שוידערט אויף א שורך א שטילער:
שטילער, שטילער, שטיל און שטילער;
ס'קומט אין שטערן אָנגעטאָן,
ס'קומט פֿון נאַכט די מלכּה אָן —
ליליע-לילית!

שטערן אלט, און יונג און ייִנגער...
טרויער-ליליען אין די פֿינגער...
טרויער-בלעטלעך ווייסע, בלאַנקע,
אויסגעצערטע, בלייכע, קראַנקע,
ווי די פֿינגער אויסגעצויגן,
און פֿון ליליען אָפּגעפֿלויגן...
און מיט אויגן אויפֿגעמאַכט,
אין איר בלענדעניש פֿאַרטראַכט —
ליליע-לילית!

שטיל עס וויגן זיך די שטערן.
עפּעס — זינגען, עפּעס הערן.
עפּעס ווערן אין דער לופֿטן
איצט געבוירן כּשוף-דופֿטן,
און אין תּכלת רויך פֿאַרבליען;
און צו בלויקייט הענט זיך ציען,
און עס גליִען פֿינגער לאַנג,
אויסגעשטראַלטע אין געזאַנג —
ליליע-לילית!

זילבער=טייכן. זילבער=ים'ען.
בלויע שנייען. בלויע פלאַמען.
בלויע כויגלען. בלויע פליגלען.
בלויע בערג. און בלויע היגלען.
בלויע אָפּגרונטן און ווייטן.
ווינטן בלוי פון אלע זייטן,
און — — אין מיטן —ביידע מיר:
דו, און איך אין ציר פון דיר —
לילי ע=לילית!

ליליע=לילית'ס זילבער=קוואַלן.
איינס פאַר ס'צווייטע כורעים פאלן,
און א ליליע-ווייסקייט שפּינען:
גאָט געבוירן! גאָט געפינען!
אין די ליידנשאפט=געפעכטן
דיינע האָר, אָ, לילית, פלעכטן...
האַרצן, גלעטן דיינע האָר,
זינקען אין די אויגן קלאָר —
ליליע-לילית!

תפלות ווערן אָנגענומען!
כ'פיל עס, ווי עס דופטן בלומען,
ווי עס צינדן זיך די זונען
— ביידע האָבן זיך געפונען
און אנטרונען אין גן עדן,
צו אין גיהנום האָט אונדזביידן
איצט פארהוילן ס'וואונדער=ציל
פון יצירה!... שטילער, שטיל —
ליליע=לילית! —

כלומרשט...

די נאַכט האָט מיט אַ שוואַרצן פּלאַקער אויפגעפלאַמט.
דעם וועג צו זון — פאַרצאַמט
און ס'איז געקומען אין איר גבול
דער כשוף סודות־פּול.

די בלינדע זעבען זעענזיק געוואָרן: פלינק אַרויס
איז פון באַהעלטעניש אַ פלעדערמויז
אויף הינטערפיסלעך האָט אַ הויז
אַוועקגעלאָזן זיך צום וואַלד.
און אויפגעפּראַלט די אויגן האָט אַ סאָווע,
און האָט באַקומען אַ געשטאַלט
און פייערבליקן פון אַ נביא,
און האָט זיך אין אַ מאָדנעם ווײנען הויך צעלאַכט,
ווי שניידנדיק די האַרץ פון נאַכט,
און באַלד —
איז פונ'ם הויז אין וואַלד
פון גייענדיקן הויז
די מכשפה יונג, שפּרונג־שפּרינגענדיק אַרויס,
און אויף אַ בעזים רייטנדיק אַרויפגעצאַפּלט הויך,
אין וואָלקנרויך,
צו וואָלקנס תאוה'דיקע שווער'ע...
אַ נאַקעט צי' געטאַן זיך, און ווי פּוטיפר'ע
אַ ריס געטאָן אַ וואָלקן־פּאַלב אַראָפּ:
און די לבנה האָט באַוויזן גלייך איר קאַלן קאָפּ,
פאַר'גוש'ט —
מיט דער מכשפה זיך צעקושט...
צעפּלאָכטן איר צעפּאָכטן צאָפּ,

געזונגען איר אויף שטערנוואונקען-טראַפּ,
און קוים די זילבערהאָר געצעָרטלט און געקאַמט...
עס האָט די נאַכט מיט שוואַרצן פלאַקער אויפגעפלאַמט!

לבנה-שמייכלען.

אונדזערע אינטראָספּעקטיוויסטן אויף יענער זייט ים.

ס'איז היינט דאָך דאַ אַ סך, אַ סך לבנה, בלאַסע שוועסטער מיינע!
עס גלאַנצט איר ווייך און זילבער-קיילעכדיק געזיכט.

און קיין שלאָפט, און זיפצט אין שלאָף, אין שמערצליכע חלומות זיינע:
ס'געווייסן איז זיין שטראָף — דאָס אייביקע געריכט.

ס'איז היינט דאָך דאַ אַ סך, אַ סך לבנה, האַרציק שטילע שוועסטער!
און עפּעס היינט איז די לבנה מער פאַרקלעָרט:
זי שמייכלט ליב אַזוי און טוליעט זיך אין דורכזיכט-בלויקייט פעסטער,
און חנ'דלט זיך, און חנפ'עט זיך צו אונדז, צו דר'ערד.
אַ שטערן-חתונה! אָ, וויפיל שטערן פערלדיקע גרינע
עס בלינצלען אום אין סאַמעט-תכלת'נעם געשפּין!

אויך דו ביזט דאָ, מיין אומרואיקע, שפּילעוודיקע קאָלאָמבינע!
און איך בין איצט דיין איינגעליבטער אַרלעקין.
זאָל פריילעך זיין! זאָל האַרציק זיין! אַזוי אין האַרציקקייט איז פּסק'ן:
אַראָפּגעריסן ווערן זאָל פון אַלץ דער בלענד!
אַראָפּ — דעם שטויב פון צער! אַראָפּ — פון די נשמה'לעך די מאַסקן!
און נאָר צום בענטשן זאָלן זיך דערהויבן הענט!

און איצטער (אויף די קני) צו דיר געוועגדט וועל איך אין שטיל באַווייזן:
דו זעסט אַ פּנים דאָרט? און אויגן? און אַ נאָז?
און שאָטנס גרינג אַרום איצט שפּרינגען, פלינק אַרום, און האַסטיק שפּרייזן.
ס'איז די לבנה — אַ דערשראָקן זילבער-האָז...
אַ הייליקע באַשעפעניש, געבענטשט מיט רואיקייט פון בודהא,

א פֿאָרכטיק בריאה'לע פון חסד און פֿון גוטס.

פארליבטע גייסטער האָבן אויף לבנה איצט א ליבע-סעודה,
און מיר, וואָס ליבן — זענען אונטער זייער שוץ!

און נאָך א זאַך:

סוף הארבסט, דאָס רוב, איז די לבנה דאָך א רויטע.
זי האלט פארשעמט די אויגן סודות'דיקע צו.
מען זאָגט, עס איז דער אויסגעבליבענער, דער מדבר'דיקער חוטא,
ס'איז צלפחד, וואָס באַרויבט פון אונדז די שבת-רו.

און אפשר איז עס גאָר דער ערשטער און דער גרעסטער זינדער — קין,
דאָס שרייען פון לבנה-שווייגן איז זיין ליד.
און אייביק וועט ער ניט פֿון די לבנה-קלעמען זיך באַפֿרייען,
און צו לבנה איז ער תמיד צוגעשמידט.

וואָס? ניט אזוי? דו גלויבסט ניט? שמייכלסט מיט לבנה איצט צוזאַמען,
און ביידע זענט איר זילבערדיק אזוי און בלאַס!
איך שמייכל אויך... ווער ווייסט פון וואַנען אלע ליבע-קוואלן שטאַמען,
אויב אויף לבנה האָט גענעסטיקט זיך דער האַס?
אויב אויף לבנה וואוינען נאָר נשמות פון די שווערע זינדער,
אויב אויף לבנה ברענט א גיהנום פֿון דער קעלט —
פאר וואָס זשע מיר — מ י ר — ווערן אין די אָרעמס אירע, ווי די קינדער,
די גליקלעכסטע אין קדושה פון דער בלויער וועלט?!

אָט, שטעל זיך פאָר, די נאַכטוואַנדלער — זיי זענען תמיד עולה רגל
צו איר, און זוכן אין איר העלקייט א באַשייד!
עס פירט צו איר א נע ונד'ער, פלאָנטערדי'קער, שמאָלער שטעגל
פון האלבע רייד, פון שטאמלדיקע האלבע רייד —
פֿון אומגעריכטער פֿרייד, אין נזיר-קליידער אָנגעטאָן אין ווייס,
זיי ציִען זיך ארויף אין זילבערדיקער הויך — —

און פלאַנצן ווייס זיי האָדערען דאַך דאָרטן, און מיט וואָרצלען רייסן;
און ווען זיי בריינגען זיי אַהער — איז אַלץ שוין — רויך...
עס טרעפט אַמאָל, ווען זיי די לילית־חלומות דאָרטן קלייבן,
און ווערן פון די ריחות שכור'ע פאַר'חוש'ט —
אָ, דאַן, די נאַכטוואַנדלער אויף אייביק שוין לבנה'דיק פאַרבלייבן
מיט מיר שוין — איינס... פון כשוף אירן אויסגעקושט.

און ס'טרעפט אמאָל... דו הערסט אַ קול, אויף קלאַנגען־טראָפּנדלעך צעגלידערט;
אַ קול אַזאַ, וואָס ס'איז זיין גלייכן ניט פאַרהאַן?..
דו זעסט אַ מאַן? פאַמעליכן אויף שטרוימען פון לבנה נידערט...
דו זעסט אַ מאַן, אַ דורכזיכטיקן ווייסן מאַן?

און אָט איז ער ניטאָ — אין ערגיץ, אין אַ פינצטער הייל פאַרפאַלן,
אָ, רואה ואינו נראה'דיק פאַרהילט געשטאַלט?..
און אָט באַווייזט ער זיך, ארומגערינגלט פון לבנה־שטראַלן?..
דו זעסט, ער שוועבט שוין איבער דעם געצווייג פון וואַלד...
אריבער דעם געצווייג — און שוויג — דו זעסט, ווי ס'קרויזן זיך די האָר אים...
ווי ס'קרייזלען זיך די לאָקן... הערסט? דו הערסט זיין קול?
ער טראָגט אַ שעפּסעלע — אַ קרבן פאַר לבנה אונטער אָרעם,
אַ שט'לע שעפּסעלע מיט לאַנגע זילבער־וואָל.

אַמאָל, אַמאָל... ארונטער זיבן פלאַמען, זיבן רויטע זיגלען,
ארונטער זיבן חתימות — איינגעשלאָסן שטאַרק,
אַמאָל, אמאָל!) באַשאָנקען מיט די ציטער־פלאַטערדיקע פליגלען,
(אמאָל. אמאָל.) און אויף אַ הויכן העכסטן באַרג —
אמאָל געוואוינט האָט דאָרט אַ צווילינג יונג, אַ ברודער און אַ שוועסטער,
אַ נעסט פאַר זיך — פאַר אומעט און פאַר פרייד געבויט,
און אָנפאַרטרויט פון שטן איז געשען אמאָל דער חטא דער גרעסטער:
דער ברודער האָט זיין שוועסטער אין זיין האַרץ געטויט...
פון דאמאָלסט אָן אין זון, די שוועסטער איז אין העלער זון פאַרוואַנדלט.

צעשטראַלט אין יונגע פּנימ׳ער איז איר געשטאַלט,
און אויסבאַהאַלטן אין לבנה תּמיד נישטערט אום און וואַנדלט
דעם ברודערס גייסט, און ערגיץ אין דער שוואַרץ פֿאַרפֿאַלט.

עס לויערט אום דער ברודער, זוכט זיין שוועסטער אין די נאַכט=באַגערן.
די שטערן זענען טרערן פֿון זיין נאַכטיק צער.
עס ווערן חרוב וועלטן אַלט, און נייע פֿיל געבוירן ווערן —
און ערוב איז דערפֿאַר דאָך אַלץ. און גאָט דער האר!
און אייביק וועט, מסתּם, אין סוד געהילט, די רעטעניש פֿאַרבלייבן.
די זון וועט טרייבן טאָג נאָך טאָג איר גאָלדן שפּאַס,
און די לבנה וועט די זוימען פֿון די אונטערגאַנגען קלייבן,
די שמייכלען פֿון איר בלאַסן ליכט — איר ביסל מס.
אַזוי איז עס! באַהאַלט ניט איצט דיין פּנים אין דיין שטילן טרויער!

די זון ביזט, וואָס תּמיד בליקט אַריין אין זיך,
און ס׳ווערט פֿון דעם אויף וועלטן טויזנטער אַלץ לויטערער און בלויער.
דו ביזט די זון! און די לבנה איצטער — איך!
אַזוי מיין שוועסטערל! און די לבנה — איך אין בלויען פּלאָנטער,
אין בלויען=גרינעם גלאַנץ פֿון סם, פֿון נאַכטיק גאַל...
דו זעסט, אַ שטערן פֿאַלט אַצינד אַ נאָענטער און אַן אַלט=באַקאַנטער.
דו הערסט? אים שלינגט, און זינגט אַרויס אַ נאַכטיגאַל!

און אויפֿגעמאַכט פֿון הימל זענען אַלע צאַנקענדיקע אויגן;
ס׳איז אויפֿגעעפֿנט ברייט די גרויסע האַרץ פֿון גאָט.

אַ ווייסע טויב פֿון אונדז איז צו לבנה איצט אַוועקגעפֿלויגן,
אין שנאָבל טראָגנדיק פֿון אונדז אַ קוש — אַ סוד.

ס׳איז היינט דאָך דאָ אַ סך, אַ סך לבנה, בלאַסע שוועסטער מיינע!
עס גליט איר ווייך און זילבער=קיילעכדיק געזיכט!
ס׳איז היינט דאָך דאָ אַ סך, אַ סך לבנה, זוניק שוועסטער מיינע!
אַ, שוועסטער, ווי די זון איז תּמיד אומגעריכט!

אינהאלט:

צער-ליליען 5

הבל הבלים 33

גרויע סאנעטן . . . 41

שניי-שטילקייט . . . 49

לבנה-שמייכלען . . . 65

MOJŻESZ BRODERSON.

PERŁY NA BRUKU.

ארויסגעגעבן אין דעם פאַרלאַג „יונג-אידיש"
און געדרוקט אין דער דרוקערײַ פון
מ' מײמאָן, לאָדזש, ציגעל-גאַס 10

Tłocznia M. MAJMONA, Łódź, Cegielniana 10.